HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

179

שמר׳ס

בריעפענשטעלער

אלערהאנד בריעף פיר קליין אונ פיר גרויס, פאו ארם אונ רייך, יעדער וועט דא געפינען אלעס וואס ער ווינשט צו שרייבען.

פערפאסט

פון

נ. מ. שייקעוויטש.

ערשטער טהייל

פערלאג אונ אייגענטהום פון יוסף רעזניקאווסקי בוכהענדלער אין סלאנים.

JUDIOS
BUENOS AIRES

ווילנא
בדפוס האלמנה והאחים ראם
תרנט

ПИСЬМОВНИКЪ
Н. М. Шайкевича.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. соб. домъ № 328.
1898.

Дозволено цензурою 28 Іюля 1898 г. Вильна.

פאררעדע

דער בעוואוסטער בוכהענדלער, ה׳ יאזעף רעזניקאווסקי פון סלאנים, האט מיך דורך זיינעם אנ׳אנקעל אויפגעזוכט אין ניויארק אונ האט פון מיר פערלאנגט, איך זאל פאר איהם מאכען אבריעפענשטעלער אונטער דעם נאמען „שמר׳ס בריעפענשטעלער“.

איך האב זיך אנפאנגס ענטזאגט פון אזא ארבייט, ווייל נאך מיינער מיינונג איז אויסגעקומען אז אונזערע יודען בע-דארפען קיין בריעפענשטעלער, דען דיא זשארגאנישע שפראכע איז ניט גלייך צו אלע אנדערע שפראכען. אין אלעבענדיגע שפראכע איז אבריעפענשטעלער וויכטיג, ווייל דאדורך ער-לערנען זיך דיא קינדער דיא שפראכע וויא אויך דיא וויכ-טיגסטע גראמאטישע רעגעלען, וועהרענד אונזער זשארגאן דארף מאן קיינעם ניט לערנען, ווייל פאסט אלע יודישע קינדער קאנען לעזען אונ שרייבען יודיש, אונ פון גראמאטישע רעגעלען איז דא געוויס קיין רעדע, דען דער זשארגאן האט קיין גראמאטיק.

ענדליך אבער האב איך מיך בערעכענט, אז מיין מיינונג איז זעהער פאלש גיוועז. אבריעפענשטעלער איז פאר אונזערע יודען זעהער וויכטיג, איודישער בריעפענשטעלער קאן בריינגען נוטצען אלע קלאססען יודען פון קליין ביז גרויס, דען אבוואהל

זייא אַלֶע קאָנֶען רֵיידֶען אוּנ שְׁרַייבֶּען יוּדִישׁ, אָבֶּער וִויא אַזוֹיא צוּא שְׁרַייבֶּען אַבְּרִיעף דַאצוּ אִיז נִיט יֶעדֶער פֶּעהִיג. דוּרך אַרִיכְטִיגֶען בְּרִיעפֶענְשְׁטֶעלֶער קָאן יֶעדֶער לֶעזֶער בֶּעקוּמֶען פֶּעהִיגְקַייט צוּא דֶענְקֶען אוּנ אַלֶע זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם פַּאפִּיר אוֹיסְדְרִיקֶען. אִיך הָאבּ מִיך דֶערְפַאר בֶּעשְׁלָאסֶען צוּ עֶרְפִילֶלֶען דֶעם וואוּנְשׁ פוּן דֶעם ה' רֶעזְנִיקָאווְסְקִי אוּנ פַאר זַיין בּוּכְהַאנְדְלוּנְג פָארְלוֹיפִיג אַקְלֵיינֶעם בְּרִיעפֶענְשְׁטֶעלֶער צוּ מַאכֶען אוּנ וֶוען אִיך וֶועל זֶעהֶען אַז עֶר בְּרֵיינְגְט דֶעם פָאלְק דִיא עֶרְוַוארְטֶעטֶע נוּטְצֶען, וֶועל אִיך אִין קוּרְצֶען אַגְרוֹיסֶען בְּרִיעפֶענְשְׁטֶעלֶער מַאכֶען, וֶועלְכֶער וֶועט עֶנְטְהַאלְטֶען נִיט נוּר בְּרִיעפֶע, דָארְטֶען וֶועלִין אוֹיך קוּמֶען פֶערְשִׁיעדֶענֶע אַרְטִיקֶעלֶען, וֶועלְכֶע וֶועלִין יֶעדֶען אֵיינֶעם דִיא מֶעגְלִיכְקַייט גֶעבֶּען זִיך צוּ עֶרְלֶערְנֶען דִיא קוּנְסְט פוּן שְׁרַייבֶּען אַיין לִיטֶערַארִישֶׁען אַרְטִיקֶעל.

וִויא אִיך הָאבּ גִיזָאגְט, הָאט דֶער זְשַׁארְגָאן קֵיין גְרַאמַאטִיק אוּנ דַארוּם קָאן מַאן פַאר דֶעם לֶעזֶער קֵיינֶע רִיכְטִיגֶע רֶעגֶעלֶען צוּם שְׁרַייבֶּען גֶעבֶּען.

אִיך בִּין אָבֶּער פֶעסְט פֶערְזִיכֶערְט אַז יֶעדֶער פֶערְשְׁטֶענְדִיגֶער לֶעזֶער וֶועט גַאנְץ גִיך אַלֵיין אוֹיסְגֶעפִינֶען דֶעם רִיכְטִיגֶען גֶעשְׁמַאק פוּן שְׁרַייבֶּען אַבְּרִיעף נָאך זַיין פֶערְלַאנְג.

אִיך הָאבּ דִיעזֶען קְלֵיינֶעם בְּרִיעפֶענְשְׁטֶעלֶער אַיינְגֶעטְהֵיילְט אִין פָאלְגֶענְדֶע אַבְּטְהֵיילוּנְגֶען.

אִינְהַאלְט

	זייטע
1) פָּארְרֶעדֶע	3
2) כְּלָלִים צוּ שְׁרַייבֶּען רִיכְטִיג זְשַׁארְגָאן	7
3) דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא טֶעג (יודיש, רוססיש)	—
4) דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא חֳדָשִׁים (יודיש, רוססיש, דייטש)	8
5) דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא סְדָרוֹת	—
6) מַאנֶענְזְבִּילְשֶׁע נֶעמֶען	9
7) וַוייבֶּערְשֶׁע נֶעמֶען	11
8) רָאשֵׁי תֵּיבוֹת	13
9) טִיטְלֶען צוּ בְּרִיעף	15
10) פַאמִילִיעֶן-בְּרִיעף	18
11) בְּרִיעף פוּן פְרַיינְדֶע	53
12) גְרַאטוּלַאצְיָאן בְּרִיעף	63
13) טְרוֹיסְט בְּרִיעף	68
14) לִיעבֶּע בְּרִיעף	74
15) גֶעשֶׁעפְטְס-בְּרִיעף	87
16) פָארְמֶען פוּן שְׁטָרֵי הוֹבוֹת	96
17) אַ נוּסַח פוּן אַ שְׁלִישִׁית	—
18) אַ נוּסַח פוּן תְּנָאִים	97
19) אַ נוּסַח פוּן כְּתוּבָּה דִבְתוּלְתָּא	99
20) אַ נוּסַח פוּן אַ כְּתוּבָּה דְאִירְכְּסָא (שמר'ם בר"ש)	100

זייטע

21) אַ נוּסַח פוּן אַ װֶעקְסְיל מִיט אַ זְמַן אִין רוּסְסִישׁ 102
22) אַ נוּסַח פוּן אַ װֶעקְסִיל אָהן אַ זְמַן .... —
23) אַ נוּסַח פוּן אַ װֶעקְסִיל מִיט אַ זְמַן אִין דַייטְשׁ .... —
24) אַ נוּסַח פוּן אַ רַאסְפִּיסְקֶע אוֹיף דִירָה גֶעלְד 103
25) רוּסְסִישֶׁע אַזְבּוּקֶע גֶעדְרוּקְטֶע גְרוֹיס הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד —
26) רוּסְסִישֶׁע אַזְבּוּקֶע גְרוֹיס הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד גֶעשְׁרִיעבֶּען. 104
27) פְּרַאנְצוֹיזִישֶׁע אַזְבּוּקֶע גְרוֹיס הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד — גֶעדְרוּקְט 105
28) פְּרַאנְצוֹיזִישֶׁע אַזְבּוּקֶע גְרוֹיס הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד גֶע-שְׁרִיעבֶּען .... —
29) דַייטְשֶׁע אַזְבּוּקֶע גְרוֹיס הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד גֶעדְרוּקְט. 106
30) דַייטְשֶׁע אַזְבּוּקֶע גְרוֹיס הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד גֶעשְׁרִיעבֶּען. 107

דֶער לֶעזֶער װֶעט שׁוֹין לַייכְט אוֹיסְגֶעפִינֶען דֶעם בְּרִיעף װָאס עֶר הָאט גֶעטְהִיג אוּנ װֶעט פוּן אִיהם גֶעװִיס נוּטְצֶען צִיהֶען.

אכטונגספאל שׁמ״ר.

ביויארק דען 17 טען מערץ 1898.

בְּלָלִים צוּ שְׁרַייבֶּען רִיכְטִיג זְשׁאַרְגָאן .

דִיא אוֹתִיּוֹת וֶוענֶען צְוֵייא אוּנ צְוַואנְצִיג .

אב, גד, הו, זח, טי, כל, מנ, סע, פצ, קר, שת.

צוּם עֶנְדֶע וָוארְט קוּמְט דִיא אוֹתִיּוֹת מ נ צ פ כ אִין אַיין אַנְדֶער פָארְמֶע גֶעשְׁרִיעבֶּען :

כ-ך , מ-ם , נ-ן , פ-ף , צ-ץ .

דִיא אוֹתִיּוֹת א, ו, י, יי, ע, וֶוערֶען בֶּענוּטְצְט אַלְס נְקוּדוֹת :

א וָוערְט בֶּענוּטְצְט אִין שְׁרַייבֶּען פִיר אַ קָמַץ אָדֶער אַ פַּתַח לְמָשָׁל : מָארְגֶען , זָארְגֶען , וַואקְסֶען , מַאכֶען .

וּ וָוערְט בֶּענוּטְצְט אַלְס מְלוּפּוּם לְמָשָׁל : גוּטֶע מוּטְטֶער .

יי וָוערֶען בֶּענוּטְצְט אַלְס צֵירֶה לְמָשָׁל : בֵּיידֶע , רֵיינֶע , אוֹיךְ וָוערְט אוֹיכְגֶעשְׁפְּרָאכֶען צְוֵייא יוּדִין מַאנְכֶעם מָאהל פִיר אַ פַּתַח לְמָשָׁל : מַיינֶע , דַיינֶע .

י וָוערְט בֶּענוּטְצְט אַלְס חִירִיק לְמָשָׁל : גִיבּ, דִיר, מִיר .

וי וֶוערְט בֶּענוּטְצְט אַלְס חוֹלָם לְמָשָׁל : שׁוֹידֶערְט, לוֹיפֶען .

ע וָוערְט בֶּענוּטְצְט אַלְס סֶגֹל לְמָשָׁל : וָועלְכֶע , גֶעלֶעזֶען .

זש וָוערְט בֶּענוּטְצְט רִיכְטִיג וִויא אִין רוּסִישׁ אַ Ж.

טש וִויא אִין רוּסִישׁ Ч. שטש וִויא אִין רוּסִישׁ Щ.

דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא טֶעג .

יוּדִישׁ	רוּסִישׁ
יוֹם רִאשׁוֹן , אדֶער יוֹם-א׳—זָאנְטָאג	וָואסְקְרֶעסֶענְיֶע ,
יוֹם שֵׁנִי , אָדֶער יוֹם-ב׳—מָאנְטָאג	פָּאנְיֶעדְיָעלְנִיק ,
יוֹם שְׁלִישִׁי , אָדֶער יוֹם-ג׳—דִינְסְטָאג	וְוטָארְנִיק ,
יוֹם רְבִיעִי , אָדֶער יוֹם-ד׳—מִיטְווָאךְ	סְרֶעדָא ,
יוֹם חֲמִישִׁי , אדֶער יוֹם-ה׳—דָאנֶערְשְׁטָאג	טְשֶׁעטְוֶוערְג ,

(עמר׳כ בר ש)

יום שִׁשִׁי , אָדער יום-ו׳—פְרַייטָאג פְּיַאטְנִיצַא
יום שַׁבָּת קֹדֶשׁ סוּבָּאטַא .
פְרַייטָאג שְׁרַייבְּט מֶען (עש״ק) ד. ה. עֶרֶב שַׁבָּת קֹדֶשׁ .
שַׁבָּת בַּייא נַאכְט שְׁרַייבְּט מֶען מוש״ק ד. ה. מוֹצָאֵי שַׁבָּת קֹדֶשׁ.

דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא חֳדָשִׁים.

יודיש	רוסיש	דייטש
תִּשְׁרֵי	סֶענְטְיַאבֶּער ········	סֶעפְּטֶעמְבֶּער.
חֶשְׁוָן	אָקְטְיַאבֶּער ·········	אָקְטָאבֶּער.
כִּסְלֵו	נָאיַאבֶּער ···········	נָאוֶועמְבֶּער.
טֵבֵת	דֶעקָאבֶּער ···········	דֶעצֶעמְבֶּער.
שְׁבַט	יַאנְוַואר ············	יַאנוּאַר.
אֲדָר א׳—אֲדָר ב׳	פֶעווְרַאל ···········	פֶעבְּרוּאַר.
נִיסָן	מַארְט ··············	מֶארְץ.
אִיָר	אַפְּרִיעל ············	אַפְּרִיל.
סִיוָן	מַאי ················	מַאי.
תַּמּוּז	יְיוּ-ן ··············	יוּנִי.
מְנַחֵם-אב	יְיוּ-ל ··············	יוּלִי.
אֱלוּל	אַווְגוּסְט ···········	אויגוּסְט.

דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא סֶדְרוֹת.

בְּרֵאשִׁית	וַיֵּצֵא	שְׁמוֹת	תְּרוּמָה	צַו	אֱמוֹר
נֹחַ	וַיִּשְׁלַח	וָאֵרָא	תְּצַוֶּה	שְׁמִינִי	בְּהַר
לֶךְ-לְךָ	וַיֵּשֶׁב	בֹּא	כִּי-תִשָּׂא	תַזְרִיעַ	בְּחֻקּוֹתַי
וַיֵּרָא	מִקֵּץ	בְּשַׁלַּח	וַיַּקְהֵל	מְצוֹרָע	בְּמִדְבַּר
חַיֵּי-שָׂרָה	וַיִּגַּשׁ	יִתְרוֹ	פְּקוּדֵי	אַחֲרֵי-מוֹת	נָשֹׂא
תוֹלְדוֹת	וַיְחִי	מִשְׁפָּטִים	וַיִּקְרָא	קְדוֹשִׁים	בְּהַעֲלֹתְךָ

(שׁמו״ס בר״ש)

שְׁלַח-לְךָ	בָּלָק	מַסְעֵי	עֵקֶב	תֵּצֵא	וַיֵּלֶךְ
קֹרַח	פִּינְחָס	דְּבָרִים	רְאֵה	תָבֹא	הַאֲזִינוּ
חֻקַּת	מַטּוֹת	וָאֶתְחַנַּן	שׁוֹפְטִים	נִצָּבִים	בְּרָכָה

אַ שָׁנָה פְּשׁוּטָה, ד. ה. נִיכְט קֵיין עִבּוּר יָאהר גֶעהֶען דיעזֶע סֶדְרוֹת צוּזַאממֶען:

וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, תַזְרִיעַ-מְצוֹרָע, אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי, מַטּוֹת-מַסְעֵי, נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ.

מַאנְזְבִּילְשֶׁע נֶעמֶען:

א.

אַבָּא, אַבְנֵר, אַבְרָהָם, אֶבִיגְדוֹר, אַהֲרֹן, אוּרִי, אוּרִיאֵל, אֵייזִיק, אִיסָר, אִיתָמָר, אֵלִיָּה, אֵלִיָּהוּ, אֱלִיעֶזֶר, אֶלְחָנָן, אֶלְיָקוּם, אֱלִימֶלֶךְ, אַנְשִׁיל, אַלֶכְּסַנְדֶר, אֶפְרַיִם, אַרְיֵה, אָשֵׁר, אַשְׁכְּנַזִי.

ב.

בּוֹעַז, בּוּנֶם, בֶּן צִיּוֹן, בִּנְיָמִין, בִּינָה, בֶּענְדִיט, בְּצַלְאֵל, בֵּיינוּשׁ, בֶּער, בָּרוּךְ.

ג.

גַבְרִיאֵל, גְּדַלְיָהוּ, גָּד, גִימְפֶּעל, גַּמְלִיאֵל, גֶעצִיל, גָאטְלִיבּ, גוּטְמַאן, גֵרְשׁוֹן, גְּרוּנֶם.

ד.

דָּוִד, דָּן, דָּנִיאֵל, דוֹב.

ה.

הֶענֶךְ, הִלֵּל, הֶעשִׁיל, הִירְשִׁיל, הֶערְשׁ, הַיימַאן, הֶערְץ.

ו.

וָואלְף, וָועלְוָועל.

(שמר'ס ברו"ש)

ז.

זְאֵב, זֶרַח, זַלְמָן, זַלְקִינְד, זִיסְקִינְד, זְכַרְיָה, זַאנְוִויל, זוּכְמַאן, זִימִיל, זֶעלִיג, זְבוּלוּן.

ח.

חַיִים, חָנָן, חַצְקִיל, חֲנוֹךְ, חֲנִינָא, חֲנַנְיָה.

ט.

טוֹבְיָה, טוֹדְרוֹס, טְרַייטִיל.

י.

יוֹסֵף, יִצְחָק, יַעֲקֹב, יִשְׂרָאֵל, יְרַחְמִיאֵל, יְדִידְיָה, יוֹאֵל, יְהוּדָה, יְרוּחָם, יוֹנָה, יוֹנָתָן, יְהוֹנָתָן, יוֹחָנָן, יוֹזְפָּא, יְחֶזְקֵאל, יְחִיאֵל, יְהוֹשֻׁעַ, יִשָּׂשכָר, יְשַׁעְיָהוּ, יוֹם טוֹב.

כ.

כָּלֵב, כַּתְרִיאֵל.

ל.

לֵוִי, לֵיב, לֵייזֶער, לֶעמֶעל, לִיפְּמַאן, לִיפָּא, לִיבֶּערְמַאנְן, לִיטְמַאנְן.

מ.

משֶׁה, מְנַחֵם, מֶענְדִיל, מָרְדְּכַי, מֵאִיר, מְנַשֶּׁה, מִיכַל, מִיכָאֵל, מְשׁוּלָּם, מַתִּתְיָהוּ.

נ.

נֹחַ, נַחְמָן, נָחוּם, נְחֶמְיָה, נִיסָן, נַפְתָּלִי, נָתָן, נָטָע.

ס.

סַעַדְיָה, סֶענְדֶער.

ע.

עוֹבַדְיָה, עוֹזֵר, עֶזְרָא, עַזְרִיאֵל.

פ.

פֶּרֶץ, פְּתַחְיָה, פִּינְחָס, פַּלְטִיאֵל, פַּייוִויש, פִּישִׁיל, פַּייטִיל, פֶּסַח.

צ.

צְבִי, צֶמַח, צָדוֹק.

ק.

קָלוֹנִימוּס, קַלְמָן, קוֹיפְּמַאנְן.

ר.

רְאוּבֵן, רְפָאֵל.

ש.

שְׁמוּאֵל, שְׁלֹמֹה, שְׁרַגָא, שֶׁבַח, שַׁבְּתַי, שָׁלוֹם, שַׁכְנָא, שִׁמְעוֹן, שִׂמְחָה, שְׁמַרְיָה, שְׁנֵיאוּר, שְׁמַעְיָה, שֶׁבְּתִיל, שָׁאוּל, שֶׁעפְּטִיל.

ת.

תַּנְחוּם, תַּלְמַי.

ווייבערשע נעמען.

א.

אֶסְתֵּר, אַיידִיל, אַסְנָה, אִיטָה.

ב.

בַּיילֶע, בַּתְיָה, בְּלוּמָה, בַּת-שֶׁבַע, בְּרָכָה, בְּרַיינְדִיל, בּוּנָה.

ג.

גֶעלָה, גְרוּנָה, גוּטָה, גִיטֶל, גָאלְדָה, גֶענֶענְדִיל, גִיסָה, גֶענֶעסֶע.

ד.

דָאבֶּע, דְבוֹרָה, דִינָה, דָאבְּרָה, דְוָואסְיָע, דָאבְּרִיש, דְרֶעזִיל.

(שמר'ס בר"ש)

ה.

הָענֶה, הִינְדָא, הָענְדִיל, הָדָס, הֲדַסָּה.

ו.

וִויטִיל, ווִיחְנָה, ווִיטֶע, וִויטְקָע.

ז.

זְלַאטֶה, זָעלְדָע, זִיסִיל, זִילְפָּה.

ח.

חַוָה, חַנָה, חַסְיָה, חְיֶענָע, חַיָה, חִישָׁע.

ט.

טוֹיבֶּה, טִילָה, טָאלְצָע, טְבֵיינֶע, טָעמֶע.

י.

יְהוּדִית, יוֹכֶבֶד, יוּדַאסְיֶע, יֶענְטֶע, יוּטְקָע.

כ.

קֵיין שׁוּם וַוייבֶּערְשֶׁע נָאמֶען פַאנְגְט זִיךְ אָן מִיט דֶעם בּוּכְשְׁטַאב ,כ׳.

ל.

לֵאָה, לִיפְּשֶׁע, לִיבָּה, לַאנָה.

מ.

מִרְיָם, מַלְכָּה, מְנוּחָה, מַחְלָה, מַייטֶע, מִיכִיל, מִינָה, מִיכְלְיֶע, מַארְיַאסְקָע, מַאשֶׁע, מַאטְלֶע, מִינְדִיל.

נ.

נְחַמָה, נֶעחָה, נָעֳמִי.

ס.

סָאסְיֶע, סְלָאוֶוע, סִימֶע, סְטִיפְּיֶע, סִילְקָע.

(שׁמר׳ס בר״ש)

ע.

עָלֶקע , עֶטְיַא , עָטְקֶע .

פ.

פְֿרֵיידָה , פֵֿיינָה , פַֿאיְה , פֶֿערִיל , פֶּעסְיָא , פַּייקֶע .

צ.

צִפּוֹרָה , צִיפָּה , צִבְיָה , צֶארְטִיל , צִירִיל .

ק.

קֵיילָה , קְרֵיינָה , קוּנָה .

ר.

רִבְקָה , רָחֵל , רֵייזִיל , רוֹיזָה , רַאשְׁקָה , רַאסְיָה , רִיכְיָה ,
רִיטִיל , רִישְׁקָה , רוּחָמָה , רַאכָה , רֵיינָה , רָעלֶע .

ש.

שֵׁיינָה , שָׁאשֶׁע , שִׁפְרָה , שָׂרָה , שֶׁבַע , שֵׁיינְדִיל , שָׁאשְׁקֶע .

ת.

תַּמַּרָה , תָּמָר , תִּרְצָה .

רָאשֵׁי תֵּיבוֹת׃

זא שרייבין

אוה"נ אוֹהֵב נַפְשׁוֹ , אוֹהֲבוֹ וְנֶאֱמָנוֹ , זַיין לִיבְּהָאבֶּער , טְרַייֶער פְֿרַיינְד .
אי"ה אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם , וָוען גָאט וָועט וָועללֶען .
אעפ"כ אַף עַל פִּי כֵן , פוּן דֶעסְט-וֶועגֶען .
בע"ה בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם , מִיט גָאטְטֶעס הִילְפֶֿע .
ב"ה בָּרוּךְ הַשֵּׁם , גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאטט .
בעה"ב בַּעַל הַבַּיִת , דֶער ווִירְט פוּן הוֹיז .
(שמר/ם בר"ש)

בעוה״ר בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, וועגען אונזערע פיעלע זינד.

ג״כ גַּם כֵּן, אויך אזויא.

ג״ח גְּמִילוּת חֶסֶד, איוואהלטהאט, בארגען געלד.

ד״מ דֶּרֶךְ מָשָׁל, צום ביישפיעל.

ה״ה הֲלֹא הוּא—הֲלֹא הִיא, דאס איז ער, דאס איז זיא.

הש״י הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דער נאמען פון גאטט זאל זיין געבענטש.

הנ״ל הַנִּזְכָּר לְמַעְלָה, דער אויבען געדאכטער.

הדש״ת הַדּוֹרֵשׁ שְׁלוֹמְךָ תָּמִיד, וועלכער דיר שטענדיג געריכט.

הבע״ל הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, וועלכער קומט אן צו גוטעס.

וד״ל וְדַי לְמֵבִין, גענוג פיר איין פערשטענדיגען.

ז״ל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, זיין אנדענקונג צום בענשען.

זצ״ל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דעם אנדענק פון צדיק צום בענשען.

ח״ו חַס וְשָׁלוֹם, בעהיטע גאטט.

חו״נ חָכָם וְנָבוֹן, קלוג אונ פערשטענדיג.

חו״ש חַיִּים וְשָׁלוֹם, לעבען אונ פריעדען.

ח״י חֲתִימַת יָדִי—חֲתִימַת יָד, מיין אונטערשריפט—אונטערשריפט.

ח״מ חָתוּם מַטָּה, אונטערגעשריעבענער.

טו״מ טַעֲנָה וּמַעֲנָה, פרעטענזיע.

כד״ש כָּל דָּבָר שֹׁרֶשׁ, דער גרונד פון יעדער זאך.

כ״צ כֹּהֵן צֶדֶק, זא שרייבט מען יעדער כהן.

כש״ת כְּבוֹד שֵׁם תִּפְאַרְתּוֹ, זיין געעהרטער שאהנער נאמען.

כ״ש כָּל שֶׁכֵּן, אונ נאך מעהר.

למע״ה לְמַעַן הַשֵּׁם, פון גאטטעס וועגען.

לע״ע לְעֵת עַתָּה, דער ווייל.

מו״ה מוֹרִי וְרַבִּי הָרַב, מיין לעהרער אונ רבי.

מו״מ מַשָּׂא וּמַתָּן, געשעפט-האנדעל.

מוכ״ז מוֹסֵר כְּתַב זֶה, דער איבערגעבער דיעזעס בריעף.

ממ״נ מִמָּה נַפְשָׁךְ, וויא אזויא דוא ווילסט.

נ״י נֵרוֹ יָאִיר, זיין ליכט זאל לייכטען.

(שמר׳ס בר״ש)

ס״ה סַךְ הַכֹּל, דיא גַאנְצֶע סוּמְמֶע.
ע״כ עַל כֵּן, דַארוּם.
עש״ז עִם שְׁלוֹם זוּגָתוֹ, מִיט דֶעם פְרִיעדֶען זֵיינֶער פְרוֹיא.
ע״נ עָגְמַת נֶפֶשׁ, קְרֶענְקוּנְג.
עצה״ית עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב, אוֹיף דֶעם בֶּעסְטֶען אוֹפֵן.
עכ״פ עַל כָּל פָּנִים, וִויא דִיא מַעֲשֶׂה אִיז, יֶעדֶענְפַאלְס.
ע״מ עַל מְנָת, מִיט דֶעם תְּנַאי.
פ״ש פְּרִישַׁת שָׁלוֹם, אַיין גֶערוּסס.
ר״ל רַחֲמָנָא לִיצְלַן, גָאטט זָאל אוּנְז מַצִּיל זַיין.
ש״ב שְׁאֵר בָּשָׂר, אַקְרוֹב—אַפְרַיינְד.
שט״ח שְׁטַר חוֹב, אַוֶועקְסֶעל—אַשׁוּלְד-שַׁיין.
שע״ג שְׁבַר עֶגְלָה, פוּהְר גֶעלְט.
ת״י תַּחַת יָדִי, אוּנְטֶער מַיינֶע הֶענְד.
ע״ע עַד עַתָּה, בִּיז יֶעטְצְט.

טִיטְלֶען צוּ בְּרִיעף.

צוּ אַ פָאטֶער: כְּבוֹד אָבִי מוֹרִי יְקִירִי וַחֲבִיבִי כְּנַפְשִׁי. אָדֶער, אָבִי מַחְמַד לְבָבִי מו״ה...

צוּ אַ מוּטטֶער: כְּבוֹד אִמִּי מוֹרָתִי חֲבַר הוֹרָתִי. אָדֶער, אִמִּי הָעֲדִינָה וַחֲמוּדָה מָרַת...

צוּ אַ גְרוֹיס פָאטֶער (זיידען): כְּבוֹד אָבִי זְקֵנִי (אֲבִי אָבִי. אָדֶער, אֲבִי אִמִּי) עֲטֶרֶת תִּפְאַרְתִּי הַנִּכְבָּד וְיָקָר...

צוּ אַ גְרוֹיס מוּטטֶער (באבען): כְּבוֹד אִמִּי זְקֶנְתִּי (אֵם אָבִי. אָדֶער, אֵם אִמִּי) הַכְּבוּדָה וִישָׁרָה מְהוּלָּלָה וּמְפוֹאָרָה...

צוּ אַ זָאהן: לִבְנִי הַנֶּחְמָד וְאָהוּב. אָדֶער הַבֵּן יַקִּיר לִי שָׁלֵם וּמַשְׂכִּיל...

(שאר״ם גר״ש)

צו אַ טאָכְטֶער: בִּתִּי בָּבַת עֵינַי הַיְקָרָה לִי וִישָׁרָה. אָדָער, בִּתִּי הָאֲהוּבָה לִי וּמַשְׂכֶּלֶת ···

צו אַ בְּרוּדָער: כְּבוֹד אָחִי הַנַּעֲלֶה וּמְהוּלָל. אָדָער, אָחִי הַיָּקָר חוֹתָם נַפְשִׁי וּלְבָבִי ···

צו אַ שְׁוֶועסְטֶער: — אַחוֹתִי הָעֲדִינָה הַחֲרוּצָה וּמַשְׂכֶּלֶת. אָדֶער, אֲחוֹתִי הַנֶּחְמָדָה מָרַת ···

צו אַ פֶּעטֶער: — דּוֹדִי וִידִידִי רֵעִי וַעֲמִיתִי. אָדֶער, דּוֹדִי הוֹדִי וּכְבוֹדִי ··· מו״ה ···

צו אַ מוּמֶע: — דּוֹדָתִי הַסּוּגָה בְּשׁוֹשַׁנֵּי הַמְּהֻלָּלִים, הַיְקָרָה וַעֲדִינָה מָרַת ···

צו אַ קָרוֹב: כְּבוֹד שְׁאֵר בְּשָׂרִי הָרַב הַנִּכְבָּד. אָדָער, ש״ב הַשָּׁלֵם וְנַעֲלֶה מו״ה ···

צו אַ שְׁווִיגֶער-פָּאטֶער (שווער): 1) חוֹתְנִי. אָדֶער, 2) חָמִי כְּבוֹד הַנִּכְבָּד אֲהוּבִי וַחֲבִיבִי נֶחְמָד וְנָעִים מו״ה ···

צו אַ שְׁווִיגֶער-מוּטֶער (שוויגער): כְּבוֹד חוֹתַנְתִּי. אָדֶער, חֲמוֹתִי הַנִּכְבָּדָה וַחֲמוּדָה מַשְׂכֶּלֶת וַעֲדִינָה מָרַת ····

צו אַ אֵיידֶעם: כְּבוֹד חַתְנִי הַיָּקָר לִי חָכָם וּמַשְׂכִּיל מו״ה ···

צו אַ שְׁנוּר: — כַּלָּתִי הַחֲמוּדָה וִישָׁרָה מָרַת ···

צו אַ פְּלִימֶענִיק: — לב״א (בֶּן אָחִי אָדֶער בֶּן אֲחוֹתִי) יַקִּירִי וּמַחֲמַדִּי מה״ו ···

צו אַ פְּלִימֶעניצֶע: — לב״א (בַּת אָחִי אָדֶער בַּת אֲחוֹתִי) הַיְשָׁרָה וִיקָרָה מָרַת ···

צו אַ שְׁוֶועסְטֶער-קִינְד: — לְבֶן דּוֹדָתִי (לְבֶן דּוֹדִי) יַקִּירִי מַחְמַד נַפְשִׁי, לְבַת דּוֹדָתִי (לְבַת דּוֹדִי) רְעוּתִי הָעֲדִינָה ···

צו אַ שְׁוָואגֶער: — גִּיסִי הַיָּקָר וְנֶחְמָד — לְבַעַל אֲחוֹתִי. אָדָער, לַאֲחִי רַעְיָתִי הַשָּׁלֵם.

---

1) אַ אֵיידֶעם צו זַיין שְׁוָוער אָדֶער שְׁווִיגֶער חוֹתְנִי, חוֹתַנְתִּי.

2) אַ שְׁנוּר צו אִיהר שְׁוָוער אָדֶער שְׁווִיגֶער חָמִי, חֲמוֹתִי.

(שמר״ס בר״ש)

צו אַ שְׁוֶועגֶערין: — גִיסָתִי הַכְּבוּדָה מָרַת ···· לְאֵשֶׁת אָחִי, אָדָער, לַאֲחוֹת אִשְׁתִּי צְפִירַת תִּפְאָרָה מָרַת ···

צו אַ גוּטֶען פְרַיינְד: — לִידִידִי כְּאָח לִי שֶׁאֲהָבָה נַפְשִׁי, יְדִידִי וְרֵעִי אוֹהֲבִי וְאַהוּבִי ···

צו אַ מְחוּתָּן: כְּבוֹד מְחוּתָּנִי הַנּוֹעָד לִהְיוֹת חוֹתְנִי. אָדָער, חָמִי הַנִכְבָּד וְיָקָר מו״ה ···

צו אַ מְחוּתֶּנְתְ-טֶע: כְּבוֹד מְחוּתֶּנְתִּי הַנּוֹעָדָה לִהְיוֹת חוֹתַנְתִּי, אָדֶער, חֲמוֹתִי הַכְּבוּדָה וַעֲדִינָה מָרַת ···

צו אַ גְרוֹיסֶען מַאנן: כְּבוֹד הָרַב הַגְּבִיר נָדִיב וְשׁוֹעַ נַעֲלָה וּמְרוֹמָם מו״ה ···

צו אַ רַב: כְּבוֹד הָרַב הַגָּאוֹן, סִינַי וְעוֹקֵר הָרִים צַנָּא מָלֵא סִפְרָא, אָדָער, כְּבוֹד הָרַב הַגָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל גָדוֹל וְנִכְבָּד שְׁמוֹ מו״ה הר״ד ····

פאמִילְיֶען בְּרִיעף.

1.

אפָאטֶער שְׁרַייבְּט צו זַיין זָאהן.

(וועלכער לערענט אין אפרעמדער שטאדט)

גראדנא 15 טען מארט 1898.

מַיין לִיעבּ קִינְד!

דַיין בְּרִיעף פוּן דֶעם 10 פֶּעבְּרוּאַר הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטֶען אוּנ מִיךְ הָאט זֶעהֶער גֶעפְרֶעהט, לֶעזֶענְדִיג דַיינֶע זִיסֶע וָוארְטֶען; דָאס דוּא בִּיסְט פְלַיי־סִיג אִין דַיין סְטוּדְיוּם אוּנ דוּא פִיהְרְסְט זִיךְ זֶעהֶער אָרְדֶענְטְלִיךְ אוֹיף. גֶעה וַוייטֶער אִין דִיעזֶען וֶועג, מַיין קִינְד! וָועסְט דוּא גֶעוִויס עֶרְרַייכֶען דֶעם צִיעל צוּ וֶועלְכֶען מִיר בֵּיידֶע שְׁטְרֶעבֶּען. דוּא זָאלְסְט יֶעצְט, מַיין לִיעבֶּער זָאהן, אֵיין זַאךְ אִין זִינֶען הָאבֶּען: אַז דוּא בֶּעפִינְדֶעסְט זִיךְ אִין דֶער פְרִיהלִינְגְס־צַייט, דוּא פֶערְזֵייעסְט יֶעצְט זָאלְכֶע פֶעלְדֶער וֶועלְכֶע וֶועלִין דִיר שְׁפֶּעטֶער מִיט זַייעֶר גֶעטְרֵיידֶע (תְּבוּאָה) עֶרְנָעהְרֶען, דוּא פֶּערְ־פְלַאנְצְט יֶעצְט זָאלְכֶע בּוֹימֶען, וָואס וֶועלִין דִיר אִין צוּקוּנְפְט פְּרַאכְטְפָאלֶע פְרִיכְטֶע בְּרֵיינְגֶען.

אָבְּוָואהל אִיךְ וֵייס זֶעהֶער גוּט, אַז דוּא בִּיזְט אַקְלוּג קִינְד אוּנ דוּא פֶערְשְׁטֶעהְסְט אַלֵיין וָואס דוּא דַארְפְסְט טָאהן, פוּן דֶעסְט־וֶועגִין הַאלְט אִיךְ עֶס נִיט פַאר אִיבֶּערִיג, דִיר אוֹיפְמֶערְקְזַאם צוּ מַאכֶען אוֹיף אֵיינִיגֶע וִויכְטִיגֶע זַאכֶען:

1) דוּא זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעזֶעלְשַׁאפְט, דֶען פַאסְט אַלֶע פֶערְדָארְבֶּענֶע מֶענְשִׁין זַיינֶען דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים פֶערְדָארְבֶּען גֶעוָוארֶען.

2) דוּא זָאלְסְט זוּכֶען דִיא פְרַיינְדְשַׁאפְט אוּנְד בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט

פוּן זָאלְכֶע יוּנְגֶע לַייט, וָואס הָאבֶּען אַגוּטֶעז נָאמֶען אוּנ וָואס זַיינֶען בֶּעלִיעבְּט פַאר זֵייעֶר עֶהרְלִיכְקַייט אוּנ שֵׁיינֶע זִיטֶען.

3) וֶוען דִיר וֶועט עֶטְוָואס פוּן דֶעם וָואס דוּא לֶערֶענְסְט שְׁוֶוער עֶרְשַׁיינֶען, זָאל דָאס דִיךְ נִיט אָבְּשְׁרֶעקֶען, דֶען עֶס גִיעבְּט קֵיין זַאךְ וָואס זָאל פַאר אַמֶענְשֶׁען, מִיט עֶנֶערְגִיע שְׁוֶוער זַיין, אוּנְזֶערֶע תַּלְמוּדִיסְטִין הָאבֶּען שׁוֹין לַאנְג גֶעזָאגְט: „יגעתי ומצאתי תאמין", אוֹיף פְּרָאסְט יוּדִישׁ הֵייסְט דָאס „וֶוען מִיא זוּכְט גֶעפִינְט מַאן".

4) זַייא נִיט מְקַנֵא דִיא פוֹילֶענְצֶער וָואס פֶּערְבְּרֵיינְגֶען דִיא צַייט אִין פֶערְגֶענִיגֶען אוּנ אִין פוּסְטֶע אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְגֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט פָערְגֶעסֶען אַז דִיא צַייט שְׁטֶעהט נִיט אוֹיף אַיין אָרְט, זִיא פְלִיהט זָא שְׁנֶעל וִויא דֶער בְּלִיטְץ אוּנ וֶועה אִיז דֶעם מֶענְשֶׁען וָואס פֶערְלִיערְט דִיא גָאלְדֶענֶע צַייט דַאמִיט וָואס עֶר פֶערְטְרַייבְּט זִיא אִין דוּמְהַייט. וֶוען עֶר וָוערְט קְלִיגֶער קָאן עֶר יֶענֶע פֶערְלָארֶענֶע צַייט צוּרִיק נִיט חַאפֶּען....

אִיךְ ווִיל דִיךְ, מַיין לִיעבֶּער זָאהן, צוּפִיעל מִיט אַיין מָאל נִיט בֶּעלֶעסְטִיגֶען דוּרְךְ מַיין מוּסָר אוּנ דַארוּם עֶנְדִיג אִיךְ מַיין בְּרִיעף מִיט מַיין פָאטֶערְלִיכֶען זֶעגֶען: גָאט זָאל דִיךְ אִימֶמֶער אִין גְרַאדֶען וֶועג פִיהרֶען. דָאס וִוינְשְׁט דִיר פוּן טִיעפֶען הֶערְצֶען דַיין פָאטֶער

נח עהרליך.

2.

אַנְטְוָוארְט.

מינסק 20 טען מארט 1898.

מַיין גוּטֶער לִיעבֶּער פָאטֶער!

דוּא קָאנְסְט זִיךְ נִיט פָארְשְׁטֶעלִין וִויפִיעל פֶערְגֶענִיגֶען דוּא פֶערְשַׁאפְסְט מִיר מִיט דַיינֶע לִיעבֶּע צֶערְטְלִיכֶע בְּרִיעף, אִיךְ הֶער

פון זייא דיא שטימע פון מיין פאטער. דיא שטימע פון דעם איינציגען מענשען וועלכער זארגט פאר מיר מעהר אלס פאר זיך זעלבסט, אונ זיין איינציגער וואונש איז נור, מיך צום גליק צו פיהרען.

איך האב מיך געפיהלט געקרענקט פון דעם וואס דוא שרייבסט אז דוא ווילסט מיך נית בעלעסטיגען מיט איין מאל דורך דיין מוסר. (בעלעסטיגען? גלויבסט דוא דאס דיינע בריעף פאלען מיר צו לאסט? אונ ווען יעדער בריעף זאל זא גרויס זיין איך זאל איהם דארפען גאנצע אכט טעג לעזען, וואלט איך דען מיעד געווארען לעזענדיג זייא? (א ניין מיין פאטער! אין געגענ־טהייל דיינע ווארטען ערקוויקען מיך אונ וואס מעהר איך לעז זייא געפין איך אין זייא אלץ מעהר זיסקייט.) איך זאג דיר דיא וואהרהייט, ליעבער פאטער, דאס דיא איינציגע אורזאכע פון מיין פלייסיגקייט אונ שיינעם אויפפיהרונג, זיינען נור דיינע בריעפע וועלכע ערמאנערין מיך אן פליכטע אונ אן מיין צוקונפט....

דוא קאנסט זיכער זיין, פאטער, דאס איך וועל דיר אימער געהארזאם זיין אונ וועל טאהן הטוב בעיני אלהים ואדם.

יא! אימער ווער דיר געהארזאם זיין דיין געטרייער זאהן

מענדעל עהרליך.

3.

א פאטער צו זיין זאהן.

ווילנא 25 טען מא־ס 1898.

מיין טהייערער יצחק!

איך מוז דיר גאנץ אפפען מודה זיין, אז מיר איז זעהער שווער געווען אוים צושרייבען דעם אויסדרוק ,מיין טהייערער' דען דוא האסט דאס נית פערדינט. יא, דוא האסט נית פערדינט דוא

זאלסט בײא מיר טהײער זײן, דען לױט מײנער אנוטער פרײנד
פון װ···· האט מיר געשריעבען, געהסט דוא אין אשלעכטע װעג,
דוא ביזט פױל צום לערנען אונ דיא צײט געהט בײא דיר אװעק
אין פוסטע נארישע זאכען, מיא זעהט דיך אימער אין דיא
טהעאטערן, אין דיא צירקען אונ אין געזעלשאפט פון פער־
דערבטינע יונגע פראנטען.

אָ מײַן זאהן! שטעלסט דוא זיך גאר ניט פאר װאס דיא
ענדע קאן זײן פון אזא פיהרונג? װילסט דוא גאר ניט בעט־
ראכטען, װאס דיר ערװארטעט אין דער צוקונפט? נוא װיא
באלד דוא װילסט זיך דיא מיהע ניט געבען, דאס צו בעטראכטען,
װעל איך דיר דיא אױגען עפענען דוא זאלסט זעהן, װאס שפעטער
װעט זײן:

דוא קאנסט יעצט הוליען, דוא קאנסט יעצט זעהער לוסטיג
דיא צײט פערטרײבען, װײל דוא האסט אַ טאטען, דוא האסט
אַ פאטער, װעלכער מראגט דיך אױף זײנע פלײצעס, אַ פאטער
װאס רײסט אב דעם ביסין פון זײן מונד אום איהם מיט דיר צו
טהײלען, אבער דיעזער פאטער װעט עװיג ניט לעבין, עס װעט
קומען דיא צײט װען מיא װעט איהם רופען אהין אין דער עװיגער
הײם, דאן, מײן זאהן, װעסט דוא מוזען פאר זיך אלײן זארגען,
דוא װעסט געצװאונגען זײן זיך זעלבסט צו ערנעהרען אונ איך זעה
ניט ארױס מיט װאס דוא װעסט זיך קאנען פערזארגען, דוא װעסט
זעהן דײנע יוגענד פרײנדע לעבען אין ראסקאש װעהרענד דוא
האסט קײן ברױט. דוא װעסט זעהן טױזענדער מענשען װאהנען
אין שײנע פאלאטצען װעהרענד דוא האסט קײן פלאטץ װאו איבער
צונעכטיגען, דען קײן ארבײט האסט דוא גילערענט, פון װיסענ־
שאפט ביזט דוא פרעמד, דײן נאמען איז שלעכט אונ קײן
אנשטענדיגער מענש װעט זיך װעלין מיט דיר בעגעגנען, דוא
װײסט צו װאס אזא נויט טרײבט? אך, װיא שװער מיר איז דיר
דאס צו זאגען. אזא נויט טרײבט זעהער אפט צו דער גרעסטער

זִינְדֶע. טוֹיזֶענְדָער קִינְדֶער פוּן בְּרַאפֶּע לַייטֶע זַיינֶען גֶעוָוארֶען מֶערְדֶער, רוֹיבֶּער אוּנְד דִיעבֶּע דוּרְךְ אַזַא נוֹיט, אוּנ זַייא שְׁמַאכְטֶען יֶעצְט אִין דִיא פִינְסְטֶערֶע גֶעפֶענְגֶענִיסֶע.

גָאט זָאל דִיךְ מַיין זָאהן אַיינְהִיטֶען פוּן אַזֶעלְכֶע אוּנְגְלִיקֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ דָא אוֹיסְגִירֶעכֶענְט. יַא, גָאט וָועט דִיךְ גֶעווִיס פוּן זַייא אַיינְהִיטֶען וֶוען דוּא זֶעלְבְּסְט וָועסְט וֶועלִין זִיךְ פוּן זַייא פֶערְהִיטֶען, אוּנ דָאס קָאנְסְט דוּא זֶעהֶער לַייכְט, וֶוען דוּא וֶועסְט [x]פְלִיהֶען פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע קָאמֶערַאדֶען אוּנ דוּא וָועסְט גֶעהְן בְּדֶרֶךְ הַיָשָׁר. זַייא נִיט פוֹיל אִין דַיין סְטוּדִיוּם, אַרְבַּייטֶע, לֶעדֶען אִיךְ זָאג דִיר נִיט דוּא זָאלְסְט זִיךְ פוּן אַלֶע פֶערְגֶענִיגֶען עֶנְטְ- [x]זָאגֶען, „לכל זמן ועת לכל חפץ" אוֹיף אַלֶעס אִיז דָא אַצַייט, הָאט דֶער פְהִילָאזָאף קֹהֶלֶת גֶעזָאגְט, אוֹיךְ פַאר פֶערְגֶענִיגֶען דַארְף יֶעדֶער מֶענְשׁ אַ צַייט גֶעפִינֶען, אָבֶּער דָאס זָאל נִיט זַיין דֶער עִיקָר.

וֶוען דוּא וָועסְט אַזוֹיא טָאהן, דַאן אשריך וטוב לך, וָועט דִיר גוּט אוּנְד וואוֹיל זַיין אוּנ אוֹיף מִיר וָועט מְקוּיָם וָוערִין דִיא בְּרָכָה: ישמח האב ביוצאי חלציו. ד. ה. מִיט זַיין קִינְד וָועט זִיךְ פְרֶעהֶען דַיין פָאטֶער.

אברהם גאלד.

4.

אַנְטְוָוארְט.

קאוונא 2 טען אפריל 1898.

פָאטֶער, לִיעבֶּער פָאטֶער!

מִיךְ ווּאוּנְדֶערְט שׁוֹין נִיט וָואס וֶוען דֶער וֶועלְט שֶׁעפֶּער הָאט אַגֶעשְׂרַייא גֶעטָאהן „יהי אור"! אִיז אִין דֶער פִינְסְטֶערֶער וֶועלְט לִיכְטִיג גִיוָוארֶען, דֶען הָאטְשׁ דוּא בִּיזְט נִיט מֶעהר וִויא אַמֶענְשׁ,

האט אויך דיין „יהי אור" ! אזא מעכטיג קראפט געהאט, דאס מיר איז ליכטיג געווארען אין מיינע פינסטערע אויגען.

וויא אריינהענדער זינדער בייג איך יעצט איין מיין קאפף אונ זאג: אמנם חטאתי! איך האב ווירקליך געזינדיגט דאמיט וואס איך האב דיין גוטהערציגקייט אונ דיין פרייגיעביגקייט בענוצט אויף פוסטע נארישע זאכען. יא, פאטער, מיט דיינע קלוגע ווארטען האסט דוא מיר דיא אויגען געעפענט איך זאל זעהען אז איך בין ביז אהער אין דער פינסטער געגאנגען. איך האב געזוכט זיסע פערגעניגען אין דער געגענווארט אונ האב גאר פערגעסען אז מיך ערווארטעט אביטערע צוקונפט, דאס איז וואהר אז איך האב געזוכט דיא צייט צו טעדטען דורך ווילדע פערגעניגען, אין דער געזעלשאפט פון לייכטזיניגע יונגע לייט וואס ווילען ניט וויסען אונ ניט בערעכענען וואס שפעטער וועט זיין, איך בין געווען בערוישט. אבער דיינע ווארטען האבען מיך אויסגעניכטערט אונ איך זעה יעצט אלעס דייטליך אונ קלאר:

איך זעה אז עס האט ווייט ניט געפעהלט איך זאל אין אשרעקליכען זומפף פערקריכען, עס האט ווייט ניט געפעהלט איך זאל ווערען אטויגעניכטס וואס טויג ניט צו דער וועלט אונ בריינגט דער מענשהייט קיינע נוטצען. אבער איך קען נאך אלעס צוריק גוט מאכען, איך קאן נאך ווערען א נוטצליכער וועלט-בירגער, אונ דאס וועל איך מיט גאטס הילף טאהן.

פאטער! איך בין גערעטעט! דוא וועסט שוין פון יעצט אן אונ ווייטער גאנץ אנדערע נייעס וועגען דיינען זאהן הערען. זאלכע נייעס וואס וועלען דיר פיעלע פערגעניגען פערשאפען, איך וועל אלע קרעפטע אנווענדען צו פערהיילען דיא וואונדען וואס איך האב דורך מיין לייכטזיניגקייט דיר פערשאפט. איך פערלאנג פון דיר יעצט נור איין זאך — „פערצייהונג". א! פערצייהע גוטער פאטער דיא זינדע פון דיין זאהן, וועלכער וועט יעצט מיט לייב אונ לעבען זיך בעמיהען צו זיין אמענש אין פאלען זינע

דֶעם וָוארְטֶעס. נָאךְ אַמָאל בִּיטֶע אִיךְ מִיט טְרֶערֶען: פֶערְצַייהֶע דִיא זִינְדֶע פוּן דַיין עֶווִיג גֶעטְרַייֶען זָאהן

יצחק גאלד.

5.

אַ פָאטֶער צוּ זַיין זָאהן.

(וועלכער האט בעטראטען אשטעלע אין אפרעמד געשעפט)

קרינאק 5 טען אפריל 1898.

מַיין גוּטֶער גֶעהָארְזַאמֶער זָאהן!

זַייט דוּא הָאסְט פֶערְלָאזְט אוּנְזֶער הוֹיז הֶערְשְׁט בַּייא אוּנְז טְרוֹיעֶר. יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער פוּן אוּנְזֶער פַאמִילְיֶע פִּיהלְט אַז אִיהם פֶעהלְט עֶטְוָואס. עֶס גֶעהט נִיט אִיבֶּער אַשְׁטוּנְדֶע מִיר זָאלֶען דִיךְ נִיט דֶערְמָאנֶען. אוּנְזֶער אֵיינְצִיגֶע טְרַייסְט, אִיז אוּנְזֶער הָאפְנוּנְג אוֹיף דַיינֶע בְּרִיעף. מִיר אַלֶע בֶּעטֶען דִיךְ דוּא זָאלְסְט אוּנְז יֶעדֶע וָואכֶע שְׁרַייבֶּען, זָאלְסְט אוּנְז בֶּענַאכְרִיכְטֶען פוּן אַלֶעם וָואס מִיט דִיר גֶעהט פָאר. דַאמִיט וֶועסְט דוּא אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע שְׁמֶערְצֶען לַייכְטֶער מַאכֶען.

מַיין קִינְד! אִיךְ גְלוֹיבּ אַז דוּא פִיהלְסְט אוּנ פֶערְשְׁטֶעהסְט וָואס פַאר אַשְׁרִיט דוּא הָאסְט יֶעצְט גֶעמַאכְט, דוּא הָאסְט אַרַיינְגֶעטְרָאטֶען אִין פְּרַאקְטִישֶׁען לֶעבֶּען. דוּא הָאסְט יֶעצְט דִיא גֶעלֶעגֶענְהַייט צוּ צַייגֶען דֶער וֶועלְט אַז דוּא בִּיזְט אַגוּטְצְלִיכֶעס מִיטְגְלִיעד אִין דֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְט. דוּא קָאנְסְט שְׁטָאלְץ זַיין דַאמִיט וָואס דוּא בִּיזְט שׁוֹין אִין שְׁטַאנְד זָעלְבְּסְט דַיין בְּרוֹיט צוּפֶערְדִינֶען, אַלֵיין דַיין עֶקְסִיסְטֶענְץ צוּ זִיכֶערְן.

עֶס שַׁאדֶעט נִיט וֶוען דוּא, מַיין לִיעבֶּער זָאהן, וֶועסְט פוּן מִיר הֶערֶען אֵיינִיגֶע רַאטְהשְׁלֶעגֶע וֶועגֶען דֶעם וָואס דוּא דַארְפְסְט טָאהן אוּם זִיךְ אַלְס פָאלְקָאמֶענֶער מֶענְשׁ פַאר דֶער וֶועלְט צוּ צַייגֶען

(שמר'ס בר"ש)

דוא דאַרפֿסט ערשטענס וויסען אַז פֿרעמדע מענשען זיינען ניט איינענע, אַפֿרעמדער ברויטגעבער, ער זאָל וויא גוט, וויא עדעל זיין, איז ער דאָך ניט קיין פֿאָטער, יאַ אַזאַ ברויטגעבער קוקט אויף אַלע דיינע מהאַטען מיט אָפֿענע אויגען, זאָלבע קליינע פֿעהלער וואָס איינענע עלטערען שיינקען זייא דיא קינדערסטע אויפֿמערקזאַמקייט ניט, ווערען פֿון פֿרעמדע בעטראַכטעט אַלס שווערע גרויסע זינדע אונ דאַרום מוזט דוא, מיין זאָהן, זעהער פֿאָרזיכטיג זיין אום קיינע פֿעהלער צו בעגעהען.

צווייטענס זאָלסט דוא אין זינען האָבען אַז פֿרעמדע מענשען האָבען פֿיינד צו געבען געלד אומזאָנסט. ווען דוא אַרבייסט ביי יענעם וויל ער אַז דאָס געלד וואָס דוא נעהמסט ביי איהם זאָל זיין פֿערדינט, דאַרום זאָלסט דוא זיך בעמיהען איהם צו צייגען דאָס דוא פֿערדינסט כשר דיא עטליכע רובעל וואָס ער גיט דיר.

דוא זאָלסט דיין ווירטה געטרייא זיין, אַלעס וואָס ווערט אָבגעטאָהן אין זיין געשעפֿט זאָלסט דוא אַלס דיין געהיימניס בעטראַכטען, זאָגאַר זאָלבע זאַכען וואָס נאָך דיין מיינונג מאָג דיא גאַנצע וועלט פֿון זייא וויסען, זאָלסט דוא קיינעם ערצעהלען, דען מאַנכעס מאָל ווערט דאָס גרעסטע געשעפֿט רואינירט דורך איין וואָרט וואָס ערשיינט אין אָנפֿאַנג אַלס אונבעדייטענד. ווען דוא האָסט אַבאַל אומזאָנסטע פֿאָרוויערפֿע פֿון דיין ווירטה, טראָג זייא געדולדיג איבער. עס איז לייִדער היינט אַזאַ צייט, דוא מאָגסט וויא גערעכט זיין, קוים ביזט דוא אַרם קאָנסט דוא זיך גאַר ניט העלפֿען, דער אָרימאַן מוז פֿערגעסען אַז אויך ער האָט עהרענגע-פֿיהל אונ שטאָלץ, דער פֿאַר אָבער בעוויזט אונז דיא פּראַקטיק אַז גראַדע דער וואָס זוכט קיין עהרע, דער ערהאַלט זיא מיט דער צייט אונ יענער וואָס יאָגט זיך נאָך כבוד קאָן עס לאַנג ניט דעריאָגען. ווען דוא מיין זאָהן וועסט טאָהן וויא איך ראַטהע דיר, קאָן איך דיר גאַראַנטירען אַז מיט דער צייט וועסט דוא זעהער אַ הויכע שטופֿע ערגרייכען.

(שמר'ס בר"ש)

יַא, נָאךְ אֵיין וִויכְטִיגֶע זַאךְ מוּז אִיךְ דִיר זָאגֶען: דוּא זָאלְסְט נִיט מְקַנֵא זַיין דִיא אִיבֶּערִיגֶע בֶּעדִינְטֶע פוּן דֶעם גֶעשֶׁעפְט וואו דוּא דִינְסְט. בֶּענַיידֶע נִיט יֶענֶע וָועלְכֶע נֶעהמֶען מֶעהר גֶעלְד אַלְס דוּא אוּנ זַייא זַיינֶען דֶעם פְּרִינְצִיפַּאל גֶעאַכְטֶעטֶער אַלְס דוּא, דֶען דוּרְךְ דֶעם וָוערְט מֶען אַפֶּערְלֵיימְדֶער, אַמְהַרְחֵר רִיב אוּנ דָאס טְרַייבְּט צוּם גְרֶעסְטֶען אוּנְגְלִיק, מַאךְ זִיךְ בֶּעסֶער בֶּעלִיעבְּט בַּייא יֶעדֶען פוּן זַייא, בֶּעטְרַאכְט זַייא אַלְס דַיינֶע פְרַיינְדֶע מִיט וָועלְכֶע דוּא אַרְבַּייסְט צוּזַאמֶען, דַאן וָועלֶען זַייא דִיר אוֹיךְ פְרַיינְדֶע זַיין אוּנ צוּ יֶעדֶער צַייט קָאן דָאס דִיר פִיעלֶע נוּצֶען בְּרֵיינְגֶען.

אִיךְ הָאף אַז דוּא, מַיין לִיבֶּער זָאהן, וֶועסְט גֶעהָארְזַאם זַיין דַיינֶעם פָאטֶער, וֶועלְכֶער וִויל דִיךְ נוּר גְלִיקְלִיךְ זֶעהן.

N. N.

6.

אַנְטְוָוארְט

אדעססא 15 טען אפריל 1898.

בֶּעסְטֶער פָאטֶער!

אִיךְ הָאבּ דַיין בְּרִיעף מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט גֶעלֶעזֶען אוּנ דַיינֶע עֶרְנְסְטֶע וָוערְטֶער הָאבֶּען מִיךְ צוּ טְרֶערֶען גֶעבְּרַאכְט. יַא, לִיעבֶּער פָאטֶער, דוּא הָאכְט זֶעהֶער רֶעכְט דַאמִיט וָואס דוּא זָאגְסְט אַז „פְרֶעמְדֶע זַיינֶען נִיט אֵיינֶענֶע". עֶרְשְׁט יֶעצְט וֶוען אִיךְ וְואהְן אִין אַפְרֶעמְד הוֹיז אוּנ בֶּעפִינְדֶע זִיךְ צְוִוישֶׁען פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען, זֶעה אִיךְ דֶעם גְרוֹיסֶען אוּנְטֶערְשִׁיעד וָואס אִיז צְוִוישֶׁען זַייא אוּנ מַיינֶע אֵיינֶענֶע.

נִיטָא מַיין גוּטֶער פָאטֶער וָועלְכֶער הָאט אִיטֶער גֶעזָארְגְט, מִיר זָאל קֵיין זַאךְ פֶעהלֶען, נִיטָא מַיינֶע צֶערְטְלִיכֶע מוּטֶער וָואס הָאט מִיר בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין דִיא אוֹיגֶען גֶעקוּקְט אוּם אַלֶע מַיינֶע וִוינְשֶׁע

(שבר'ם :ר"ש)

צוּ עֶרְפִילְלֶען אוּנ וָוען זִיא הָאט בֶּעמֶערְקְט אַטְרוֹיֶעריגֶע מִינֶע אוֹיף מַיין גֶעזִיכְט, הָאט זִיא שׁוֹין נִיט גֶעקָאנְט רוּהֶען. פְרֶעמְדֶע זַיינֶען נִיט אֵייגֶענֶע, קֵיינֶעם קִימֶערְט יֶעצְט פַאר מִיר. מַיין ווִירְטְה פֶּערְלַאנְגְט נוּר אִיךְ זָאל פְלַייסִיג פַאר אִיהם אַרְבַּייטֶען. וָוען עֶר בֶּעמֶערְקְט עֶטְוָואס וָואס אִיהם גִיפֶעלְט נִיט, גִיט עֶר אוֹיף מִיר אַזַא קוּק ווִיא עֶר זָאל מִיט זַיינֶע בְּלִיקֶען מִיךְ וָועלֶען פֶערְנִיכְטֶען. דִיא ווִירְטְהִין בַּייא וָועלְכֶער אִיךְ עֶס, הָאט נוּר אִין זִינֶען דָאס גֶעלְד וָואס אִיךְ דַארְף אִיהר פַאר דִירָה אוּנ פַאר עֶסִין בֶּעצָאהלֶען, וַוייטֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִיהר נִיט, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַפֶּעטִיט צוּ אִיהרֶע שְׁפַּייזֶען אָדֶער נִיט, צוּ בִּין אִיךְ גֶעזוּנְד אָדֶער קְרַאנְק.

וואוּ זַייט אִיהר מַיינֶע לִיעבֶּע עֶלְטֶערֶען? וואוּ זַייט אִיהר מַיינֶע גֶעטְרַייֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּנ בְּרִידֶער, קֵיינֶער אִיז גֶעבֶּען מִיר נִיטָא, אִיךְ בִּין אַלֵיין, עֶלֶענְד אִין אַפְרֶעמְדֶער שְׁטָאדְט.

אַבֶּער גֶענוּג! גֶעהט מַאן אִין דֶער מִלְחָמָה מוּז מַאן קָאנֶען פּוּלְוֶוער שְׁמֶעקִין. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוּנְטֶערְנֶענוּמֶען אַ פְרֶעמְדֶען מֶענְשִׁין צוּ דִינֶען אוּנ אַלֵיין מַיין בְּרוֹיט פֶערְדִינֶען מוּז אִיךְ אַלֶעס גֶעדוּלְדִיג עֶרְטְרָאגֶען. זַייא רוּהִיג פָאטֶער! אִיךְ פֶערְזִיכֶערֶע דִיר דָאס אַלֶע דַיינֶע בַּאטְהשְׁלֶענֶע וָועל אִיךְ פִּינְקְטְלִיךְ עֶרְפִילְלֶען, אִיךְ וָועל נִיט פֶערְגֶעסֶען, דָאס דִיעזֶע עֵצוֹת הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען דֶער מֶענְשׁ, וָואס זַיין זֶעלֶע אִיז פֶערְבּוּנְדֶען אַן מַיינֶער, אִין דֶער פְרֶעמְד וָועל אִיךְ גְוִיא אִין דֶער הַיים אִימֶער פֶערְבְּלַייבֶּען דַיין גֶעהָארְזַאמֶער זָאהן.

7.

אַמוטער צו איהר טאָכטער.

(וועלכע וואהנט ווייט פון איהר)

ביאליסטאק 20 טען אפריל 1898.

מיינע זיסע ליעבע טאָכטער!

עס זיינען שוין צוויא מאָנאטען פערגאנגען זייט איך האָב דיין לעצטען בריעף ערהאלטען, צוויא מאָנאטען האָב איך פון מיין טאָכטער קיין בריעף געהאט! זאָל איך דיר בעשרייבן דיא שמערצען וואָס דיין שווייגין האָט מיר פערשאפט? איך וואָלט דאָס זעהער גערן געטאָהן, ליידער אָבער איז דאָס אונמעגליך. קיין פעדער איז אים שטאנד אויסצושרייבען דאָס וואָס מיין הערץ פיהלט, קיין קינסטלער איז אין קראַפט אָבצומאָלען דיא שרעקליכע בילדער וואָס מיין פאַנטאזיע מאָלט פאַר מיר.

עטעלע מיין קינד, דוא ביזט נאָך קיין מוטער ניוועזען אונ דארום קאָנסט דוא נאָך ניט דאָס מוטער הערץ. אָבוואָהל דוא האָסט דאָס יא בעדאַרפט קאָנען, דען ווער ווייס נאָך וויא דוא וויפיעל טרערען דוא האָסט מיך געקאָסט, וויפיעל שלאָפלאָזע נעכט איך האָב פערבראַכט נעבען דיין בעט ווען דוא ביזט ניט היינט געדאַכט קראַנק געוועזען. דוא דאַרפסט נאָך גוט געדענקען דיא שמערצען וואָס איך האָב געהאט דאַן ווען איך האָב גע־זעהן אַז דוא דאַרפסט אַנייע קלייד, אַנייע פּאָר שיך אונ איך האָב דאָס דיר ניט געקאָנט מאַכען. מיר שיינט אַז דוא דאַרפסט נאָך פיהלען דעם דריק פון מיינע הענד ארום דיין האַלז פאַר דיין אַוועקפאָהר, איך האָב דאַמאָלס ניט געקאָנט ריידען, דיא טרערען האָבען מיינע שטימע פערשטיקט אונ איך האָב נור געקאָנט אויסריידען דיא געציילטע וואָרטען: עטעלע פערגעס מיך ניט. נוא אונ ביא דיר איז רעכט מיך צוא פערגעסען אונ מיר גאַנצע צוויא

קָאנַאטֶען קֵיין בְּרִיעף צוּא שְׁרַייבֶּען ? וַוייסְט דוּא ווּא אִיךְ קְלֶער ?

אָ, נֵיין ! אִיךְ קָאן דָאס נִיט אוֹיסְשְׁרַייבֶּען אַ אִיךְ וִויל דָאס פוּן מַיין פֶעדֶער נִיט אַרוֹיסְגֶעבֶּען , דָאס אִיז ַשְׁוָואס שְׁרֶעקְלִיכֶעס .... שׁוֹידֶערְהַאפְטֶעס ...

אַךְ ! ווִיפִיעל וָואלְט אִיךְ אַבְּגֶעגֶעבֶּען פַאר דָער נַאכְרִיכְט דָאס אִיךְ שְׁרַייבּ יֶעצְט צוּא אַ לֶעבֶּעדִיגֶער טָאכְטֶער, אִיךְ וִויל גְלוֹיבֶּען אַז דוּא לֶעבְּסְט, נוּר גֶעוִוינְטֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶע הָאבֶּען דִיךְ פֶּערְהִינְדֶערְט צוּא מִיר צוּשְׁרַייבֶּען, אִיךְ וִויל גְלוֹיבֶּען דָאס דוּא הָאסְט מִיר גֶע-שְׁרִיבֶּען אַבְּרִיעף נוּר עֶר אִיז פֶּערְלָארֶען גֶעגַאנְגֶען . אִיךְ זָאג דִיא וַוארְהַייט אַז אִיךְ וָואלְט צוּפְרִיעדֶען גִיוֶוען צוּא הֶערֶען , אַז דוּא הָאסְט מִיךְ פַּיינְד בֶּעקָאמֶען אוּנ ווִילְסְט מִיר מֶעהר נִיט שְׁרַייבֶּען , ווִילְסְט מֶעהר פוּן מִיר נִיט ווִיסֶען , אָבֶּער דוּא לֶעבְּסְט מַיין זִיסֶע טַייעֶרֶע עֶטֶעלֶע .

מַיין הַאנְד צִיטֶערְט , דָאס הֶערְץ קְלַאפְּט אוּנ אִיךְ קָאן שׁוֹין ווייטֶער נִיט שְׁרַייבֶּען . אִיךְ וֶועל דֶעם בְּרִיעף אַבְּשִׁיקֶען אוּנ וֶועל וַוארְטֶען . פִיעלַייכְט וֶועל אִיךְ נָאךְ זוֹכֶה זַיין דַיין הַאנְדְשְׁרִיפְט צוּזֶעהְן , פִיעלַייכְט וֶועל אִיךְ נָאךְ עֶרְלֶעבֶּען צוּא הֶערֶען אַז דוּא בִּיזְט גֶעזוּנְד .

נָאטט ! בֶּעשֶׁענְק מִיךְ מִיט דִיעזֶען גְלִיק , עֶרְהָער דָאס גֶעבֶּעט פוּן דֶער פֶּערְצְוַוייפֶעלְטֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער מוּטֶער .

Д. Б.

8.

אַנְטְוָוארְט .

ראַסְטאָוו 5 טען מאי 1898 .

טְהַייעֶרֶע צֶערְטְלִיכֶע מוּטֶער !

אִיךְ בֶּעטְרַאכְט דָאס פַאר אַגְלִיק וָואס אִיךְ רֵייד יֶעצְט צוּא דִיר דוּרְךְ אַ בְּרִיעף , דֶען וֶוען אִיךְ זָאל בֶּעדַארְפֶען מִיט דִיר מוּנְדְלִיךְ

ביידען האלט איך דיר געווים ניט געקאנט גלייך אין געזיכט קוקען אוים שאנדע. יא, מיין שאנדע איז זעהער גרוים, איך שעם מיך זאגאר פאר זיך אליין, איך זאל מיינע גוטע מוטער זא שלעכט בעהאנדלען? איך זאל דיר זא פיעל שמערצען פערשאפען? מיינע זינדע איז אונפערצייהליך.

ווארום האב איך צוא דיר גאנצע צוויא מאנאטען ניט געשריעבען? דאס פרעגסט דוא טהייערע מוטער אונ דאס זעלבע פרעג איך זיך אליין, איינענטליך האב איך יא אנטוואָרט אויף דיעזער פראגע. איך בין איטער בעשעפטיגט, דוא ווייסט זעהער גוט אז איך ארבייט שווער אונ ביטער דעם גאנצען טאג אונ ווען איך קום ביייא נאכט אהיים צוגעהען בין איך זא מיעד דאס איך פאל קראפטלאז אין בעט אום פרישע קרעפטע צוזאמלען ביייא דעם זאנפטען שלאף. אבער דאס איז דאך קיין אנטוואָרט, מיין שולדיגקייט ווער אלעם פערגעסען, מיין ארבייט, מיין מידיגקייט אונ איינינע מינוטען אבבייסען אום מיין גוטער מוטער צוא ערקוויקען, איך האב אבער אזויא ניט געטאהן אונ דארום וואגע איך ניט דיך אום פערצייהונג צובעטען.

יא, איך וואגע ניט, אבער ווען דוא זאלסט יעצט אויף מיר אקוק טאהן, וואלסט דוא אין מיין געזיכט געלעזען דיא ווארטען: מוטער, טהייערע מוטער פערצייהע מיר!

דוא פירכטעסט פיעלייכט בין איך בעהיטע נאט טויט, דוא שרייבסט אז דוא וואלסט אלעם פאר ליעב אנגענומען ווען נור דוא זאלסט וויסען אז איך לעב. טרערען, הייסע טרערען האבען דיעזע ווארטען פון מיינע אויגען ארויסגעריסען, ניין מוטער, דיין טאכטער האט דיך ניט פיינד, דיין טאכטער איז פערטיג זיך פאר דיר אויפצואפפערן, אך ווען איך זאל קענען דיך יעצט אומארמען, דיך צו מיין ברוסט צודריקען אונ דיר ציינען וויא שטארק צוגעבונדען איך בין צו דיר, דאן גלויבע איך, וואלסט דוא אנדערש פון מיר געדענקט.

(עמר׳ם בר״ש)

איך לעב, מוטער! אָבְוָואהל איך אַרבַּייט זֶעהֶער שְׁוֶוער בּין איך דאך גאט זֵייא דַאנק גֶעזוּנד אוּנ מוּנְטֶער, הָאטְשׁ איך הָאבּ דיר נִיט געשְׁרִיעבֶּען אַזַא לַאנְגֶע צַייט, פון דֶעסְטְוֶועגֶען גֶעהַסְט דוּא קַיין מָאל פון מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען נִיט אַרוֹיס. אִיךְ קָאן נִיט פֶערְגֶעסֶען אַז אִין דֶער שְׁטָאדְט ב··· וַוייט, זֶעהֶער וַוייט פון מִיר לֶעבְּט דִיא פֶּערְזָאן וָואס הָאט מִיךְ מִיט אִיהר בְּלוּט גֶעשְׁפַּייזְט, דִיא פֶּערְזָאן וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ פַאר מִיר מֶעהר אַלְס אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע מֶענְשֶׁען פון דֶער וֶועלְט.

איך גְלוֹיבּ אַז עֶרְהַאלְטֶענְדִיג דִיעזֶען בְּרִיעף וֶועסְט דוּא זִיךְ בֶּערוּהִיגֶען אוּנ וֶועסְט פֶערְצַייהֶען דַיין זִינְדִיגֶע טָאכְטֶער.

עטע.

9.

אַ מוּטֶער צוּ אַ טָאכְטֶער.

ילוצק 28 יון 1898.

חַנָה׳לֶע מַיין קִינְד!

איך הָאבּ דַיין בְּרִיעף פון דֶען 15 טֶען יוּנִי עֶרְהַאלְטֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעקוּשְׁט דָאס פַּאפִּיער אוֹיף וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ מַיין טָאכְטֶערְ׳ס הַאנְדְשְׁרִיפְט עֶרְקָאנְט, אִיךְ הָאבּ זָאגָאר גֶעקוּשְׁט דֶעם קָאנְוֶוערְט וֶועלְכֶער טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ דֶעם אַמֶערִיקַאנִישֶׁער סְטֶעמְפֶּעל.

דֶער אַמֶערִיקַאנִישֶׁען סְטֶעמְפֶּעל! דָאס דֶערְמָאנְט מִיךְ אַז מַיין טָאכְטֶער, מַיין זִיסֶע חַנָה׳לֶע אִיז אִין אַמֶערִיקַא, אוֹיף יֶענֶער זַייט יַם, אִין עֶק וֶועלְט, וֶוען הָאבּ אִיךְ מִיר דָאס פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מַיין לִיעבּ קִינְד וֶועט זָא עֶרְוַוייטֶערְט וֶוערֶען פון מִיר, דָאס אִיךְ זָאל זָאגַאר פֶערְלִיערֶען דִיא הָאפְנוּנְג זִיא צוּזֶעהן?

אָבֶּער גֵיין! אִיךְ וִויל אַזַא זַאךְ נִיט טְרַאכְטֶען, אִיךְ וִויל הָאפֶען אַז אִיךְ וֶועל נָאךְ עֶרְלֶעבֶּען הָאטְשׁ נָאךְ אֵיין מָאל מַיין

(שטר׳ס בר״ש)

טאכטער צוזעהן, נאך איין מאל זיא אומארמען אונ קיסען איהרע שיינע בעקעלאך ···

דוא האסט מיך ערקוויקט מיין קינד מיט דער נאכריכט אז דוא ביזט גאט זייא דאנק געזונד אונ דוא האפסט דיין גליק אין דער נייער וועלט צוגעפינען, ווייל צו דיר שדכנען זיך פיעלע בראפע יונגע לייט.

דיא וואהרהייט געשפראכען האט מיר דער אויסדרוק "פיעלע בראפע יונגע לייט" ניט זעהער זיס געשמעקט, איך וואלט מעהר צופריעדען געוועזען ווען דוא זאלסט מיר שרייבען אז איין בראפער יונגער מאן זוכט דיין ליעבע, דען פון פיעלע יונגע לייט ווערט ביי אמעדכען אזויא דער קאפף פערדרעהט אז זיא ווייס גאר ניט וואס צו טאהן, וועמען פון זייא זיא זאל אויסקלייבען. קינד מיינס! ווייסט דוא האטש וויא אמעדכען מוז היינטיגע צייטען פארזיכטיג זיין, ווען זיא איז ארומגערינגעלט פון פיעלע פערעהרער? איז דיר בעקאנט וואס דער גרעסטער טהייל פון זאלכע פערעהרער-זייגען?

איך מוז מודה זיין אז איך האב דיר יעצט אדומע פראגע גע-בראכט, פון וואנען זאלסט דוא וויסען זאלכע זאכען, דוא ביזט נאך איונג קינד, האסט זיך ערצאגען אין אקליין שטעדטעל אונ ביזט נאך אין דער גרויסער וועלט זעהער אונפראקטיש, דארום בעטראכטע איך דאס אלס מיין שולדיגקייט דיך מיין קינד אויפ-מערקזאם צו מאכען אויף איניגע וויכטיגע געגענשטענדע וועלכע קאנען דיך פון גרעסטען אונגליק פערהיטען. דוא דארפסט וויסען מיין טאכטער אז דיא גרויכוועלטיגע יונגע לייט זיינען ניט קארג אויף קאמפלימענטע פיר אשענעס מעדכען, דער גרעסטער טהייל פון זייא פיהלען ניט דאס וואס זייער מונד שפריכט, דארום דארף מאן ניט יעדען פון זייא גלויבען. ווען זאנאר איינער קניעט פאר דיר אונ שווערט אז זיין ליעבע צו דיר איז אונענדליך גרויס, זאלסט דוא גוט, זעהער גוט נאכפארשען צוא איז זיין שבועה אריכטיגע, דען עס גיעבען פיעלע פערדארבענע מענשען אין

דָער וָועלְט וָואס אוּם זַייעֶר שֶׁענְדְלִיכֶען צִיעל צוּ עֶרְרַייכֶען אִיז פַּאר זַייא קֵיין נִיעדֶערְטְרֶעכְטִיגְקֵייט צוּ שְׁוָוער.

אוּנ וָוען דוּא בִּיזְט שׁוֹין אִיבֶּערְצַייגְט דָאס אֵיין יוּנְגֶער מַאן לִיעבְּט דִיךְ עֶרְנְסְט אוּנ עֶר מֵיינְט וִוירְקְלִיךְ מִיט דִיךְ צוּ הֵייראַטֶען, עֶרְשְׁט דַאן מוּזְט דוּא וִויסֶען וִויא אִיהם צוּ בֶּעהַאנְדְלֶען, גִיעבּ זִיךְ נִיט אִין גַאנְצִין אִיבֶּער אִין זַיינֶע הֶענְד, דוּא מוּזְט אַלֶע קְרֶעפְּטֶע אָנְוֶוענְדֶען עֶר זָאל זַיין אַכְטוּנְג צוּ דִיר נִיט פֶּערְלִיערֶען, דֶען לִיעבֶּע אָהן אַכְטוּנְג וֶוערְט זֶעהֶער שְׁנֶעל פֶּערְלָארֶען. עֶר מוּז דִיךְ רֶעסְפֶּעקְטִירֶען אוּנ דָאס קָאנְסְט דוּא אוֹיסְפִיהרֶען נוּר דַאן וָוען דוּא הַאלְסְט אִיהם אִין אַגֶעווִיסֶע עֶנְטְפֶערְנוּנְג פָאן דִיר.

בַּייא זָאלְכֶע זַאכֶען לָאזְט זִיךְ נִיט אַלֶעם דַייטְלִיךְ אוֹיסְצוּ-שְׁרַייבֶּען, אִיךְ גְלוֹיבּ אָבֶּער דָאס אַזַא קְלוּגֶעס קִינְד וִויא דוּא בִּיזְט וָועט פֶּערְשְׁטֶעהֶען דֶעם זִין פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער.

מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער אוּנְגֶעדוּלְד עֶרְוַוארְטֶע אִיךְ צוּ עֶרְהַאלְטֶען פוּן דִיר אַמַזָל טוֹב פוּן דַיין פֶּערְלָאבּוּנְג מִיט אַזַא חָתָן וֶועלְכֶער זָאל וֶוערְט זַיין דִיךְ צוּבֶּעזִיטְצֶען, שְׁרַייבּ מִיר אָפְּט מַיין טָאכְטֶער, זֶעהֶער אָפְּט, דֶען מִיט דַיינֶע בְּרִיעפֶע בֶּעגְלִיקְסְט דוּא דַיין מוּטֶער וָואס דֶענְקְט אִימֶער נוּר וֶועגֶען דִיר.

דבורה.

10.

אַנְטְוָוארְט.

ניוּיארק 10 טען יולי 1898.

מַאמוּנְיָא!

אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ דַיין בְּרִיעף גֶעקוּשְׁט, אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ גֶעקוּשְׁט דֶעם קָאנְוֶוערְט אוֹיף וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ דֶעם רוּסְכִּישֶׁען שְׁטֶעמְפֶּעל דֶערְזֶעהֶען, אִיךְ הָאבּ מִיךְ עֶרְאִינֶערְט אָן מַיין פָאטֶער-לַאנְד

רוססלאנד, דאס לאנד וואו איך בין געבארין און ערצאגען געווארען, דאס לאנד וואו איך האב מיין יוגענד פערבראכט, דאס שעהנע לאנד וואו מיינע מוטער און מיין גאנצע פאמיליע לעבען יעצט. אויך מיך שוידערט ווען איך דערמאהן מיך אז איך בין זא ווייט פון דיר מיינע טהייערע ליעבע מוטער, איך קאן דיך ניט זעהען און קאן דיינע זיסע צערטליכע ווארטען ניט הערען, אבער ביי מיר איז קיין צווייפעל אז מיר וועלען זיך נאך זעהען, אמעריקא איז היינט ניט אזויא ווייט פון אייראפא וויא אמאל. בלויס אין צעהן טאג קאן איך קומען נאך מיין געבורטס שטאדט, גאט זאל מיר נור העלפען איך זאל אים שטאנדע זיין צו דיר צופאהרען, וועל איך אויף קיין זאך קוקען און וועל צו דיר מיינע גוטע מוטער פליהען. וועגען דעם וואס דוא פירכטעסט, פיעלייכט וועל איך מיך לאזען פערפיהרען פון אונאנשטענדיגע יונגע לייטע, זאג איך דיר מאמוניא אז דיין שרעק איז אומזאנסטע: אין דער קורצער צייט וואס איך בין אין אמעריקא, האב איך שוין גענוג געלעגענהייט געהאט צו ערלערנען דיא כאראקטערע פון דיא היזיגע יונגע לייט, ווייל פיעלע פון מיינע פריינדינען זיינען דורך ניעדערטרעכטיגע סובּיעקטען אין גרעסטען אונגליק אריינגעפאלען, דאס איז פאר מיר געווען דיא בעסטע לעהרע און דארום העהר איך זעהער קאלט צו דיא קאמפּלימענטע, וואס מייגע בעקאנטע יונגע לייט טהיילען מיר צו, זייא זיכער ליעבע מוטער אז גאטט וועט מיך פון זאלכע אונגליקען וויא דוא שטעלסט זיך פאר איינהיטען....

איך קיסע דיך פון ווייטען און פערבלייב דיין וואהרע געטרייע טאכטער

חנה.

11.

אַ זאהן צו אַ פָאטֶער.

לאצק 25 טען יולי 1898.

ליעבֶער פָאטֶער!

דוּא וואוּנְדערְסְט זיךְ אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ דיר זָא לַאנְג נִיט גֶעשְׁרִיעבֶּען, דוּא בִּיזְט מִיר חוֹשֵׁד אַז וַוייל מִיר אִיז זָעהֶער גוּט דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיךְ מִיט מַיין מוּטֶער פֶערְגֶעסֶען.

אָ, פָאטֶער! וִויא שְׁלֶעכְט דוּא קָאנְכְט דַיין אֵייגֶען קִינְד. הָאבּ אִיךְ דִיךְ נִיט אוּנְצֶעהלִיגֶע מָאל אִיבֶּערְצַייגְט דָאס אִיךְ בִּין צוּ דִיר צוּגֶעבּוּנְדֶען מִיט דֶער גַאנְצֶער צָערְטְלִיכְקֵייט פוּן אַגוּט גֶעהָארְזַאם קִינְד? דִיא וִוירְקְלִיכֶע אוּרְזַאכֶע וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר זָא לַאנְג נִיט גֶעשְׁרִיעבֶּען אִיז....

מִיר אִיז דָאס שְׁוֶוער אוֹיסְצוּשְׁרַייבֶּען וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז דַאמִיט וֶועל אִיךְ דַיין לֶעבֶּען פֶערְבִּיטֶערְן, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִיט, אִיךְ מוּז דִיר פָאטֶער אַלֶעס עֶנְטְדֶעקֶען, דוּא מוּזְט אַלֶעס וִויסֶען, דֶען פַאר וֶועמֶען אַנְדֶערְשׁ קָאן אִיךְ מַיין הֶערְץ אוֹיסְגִיעסֶען וֶוען נִיט פַאר דִיר? יַא, פָאטֶער, אִיךְ מוּז דִיר פֶערְטְרוֹיֶען אַז אִיךְ בִּין זָעהֶער אוּנְגְלִיקְלִיךְ אוּנ נוּר דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר זָא לַאנְג נִיט גֶעשְׁרִיעבֶּען.

מַיין אוּנְגְלִיק בֶּעשְׁטָעהט אִין דֶעם וָואס אִיךְ קָאן מִיט מַיין פְרוֹיא גָאר נִיט הַארְמָאנִירֶען, דִיא שְׁמֶערְצֶען וָואס זִיא פֶערְשַׁאפְט מִיר זַיינֶען פַאר מִיר אוּנֶערְטְרֶעגְלִיךְ. אִיךְ קָאן נִיט הֶערֶען אִיהרֶע קְלָלוֹת, אִיהרֶע זִלְזוּלִים, זִיא אִיז זָעהֶער נֶערְוֶועז אוּנ בַּייא אִיהר מִינְדֶעסְטֶע אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט מַאכְט זִיא פוּן מִיר אַבַּארְג אַשׁ.

פָאטֶער! אִיךְ בִּין אוּנְגְלִיקְלִיךְ אוּנ פוּן דִיזֶען אוּנְגְלִיק קָאן אִיךְ מִיךְ בֶּעפְרַייעֶן נוּר דַאן וֶוען אִיךְ וֶועל פוּן מַיין פְרוֹיא בֶּעפְרַייעט וֶוערֶען, אִיךְ מוּז מִיךְ פוּן אִיהר שַׁיידֶען, אַבְּזָאהל אִיךְ וֵוייס אַז

דוּרְךָ דֶעם וֶועל אִיךָ זֶעהֶער שַׁאדֶען מַיין לִיעבּ אֵיינְצִיג קִינְד.

שְׁוֶוער, זֶעהֶער שְׁוֶוער אִיז מִיר דִיעזֶען שְׁרִיט צוּמַאכֶען אָבֶּער זָא מוּז עֶס גֶעשֶׁעהֶען, אִיךָ הָאבּ זִיךָ דַאצוּ פֶּעסְט בֶּעשְׁלָאסֶען, אִיךָ פֶּערְלַאנְג יֶעצְט נִיט מֶעהר וִויא נוּר דַיין אֵיינְשְׁטִימוּנְג דַאצוּ. דוּא וֵויסְט דָאךָ אַז אָהן דַיין עֶרְלוֹיבְּנִיס טוּה אִיךָ קֵיין זַאךָ, אִיךָ הָאף דִיעזֶע עֶרְלוֹיבְּנִיס פוּן דִיר מִיט דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּאסְט צוּ עֶרְהַאלְטֶען, צֶעגֶערֶע נִיט פָּאטֶער אוּנ עֶרְפִיעל אַם שְׁנֶעלְסְטֶען דֶען וואוּנְשׁ פוּן דַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶען זָאהן

מאקס ראזנאלד.

12.

אַנְטְוָוארְט.

זיטאמיר 1 טען אווגוסט 1898.

מַיין לִיעבֶּער מַאקְס!

מִיט אַצוּבְּרָאכֶען הֶערְץ הָאבּ אִיךָ דַיין בְּרִיעף דוּרְךָ גֶעלֶעזֶען. אִיךָ קָאן דִיר גָאר נִיט פָארְשְׁטֶעלֶען וִויא מִיךָ קְרֵיינְקְט דַיין בִּיטֶערֶע לַאגֶע, אִיךָ פֶערְשְׁטֶעה זֶעהֶער גוּט וְויפִיעל דוּא לֵיידֶעסְט פוּן דַיין פְרוֹיא וִויא בַּאלְד דוּא הָאסְט זִיךָ בֶּעשְׁלָאסֶען אַזַא גְוַואלְדִיגֶען שְׁרִיט צוּמַאכֶען.

דוּא פֶּערְלַאנְגְסְט מַיין עֶרְלוֹיבְּנִיס דַאצוּ? זֶעהֶער שֵׁיין, אִיךָ עֶרְלוֹיבּ דָאס דִיר, אָבֶּער בֶּעפָאר דוּא גֶעהסְט צוּם רַב שְׁרַייבֶּען אַגֶט פַאר דַיין פְרוֹיא, זָאלְסְט דוּא זִיךָ גוּט בֶּערֶעכֶענֶען וָואס דוּא טוּהְסְט, אִין אַלְגֶעמֵיין אִיז פַאר אַנְ'אָרְדֶענְטְלִיכֶען מַאן אַשַׁאנְדֶע זִיךָ פוּן זַיין פְרוֹיא צוּשֵׁיידֶען אוּנ דִיא פְּרַאקְטִיק בֶּעוַוייזְט אוּנְז אוֹיף שְׁרִיט אוּנ טְרִיט דָאס אַלֶע וָואס טוּהֶען דָאס, בֶּערַייהֶען עֶס שְׁפֶּעטֶער, גֶעוִויס הָאסְט דוּא גֶעהֶערְט פוּן דָעם וֶוערְטֶעל: „אַז אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז בְּלוֹיס אֵיין שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹיא פֶּערְהַאנְדֶען, נוּר יֶעדֶער מַאן

מֵיינְט אַז זיא אִיז צוּ אִיהם אַרַיינְגֶעפַאלֶען׳. יַא מַיין זָאהְן, וֶוען דוּא זָאלְסְט זִיךְ קָאנֶען גוּט צוּקוּקֶען צוּ דֶעם פַאמִילְיֶענְלֶעבֶּען פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען, וָואלְסְט דוּא דֶערְזֶעהֶען אַז אִיבֶּערְאַל אִיז נִיט בֶּעסֶער וִויא בַּייא דִיר, דִיא פְרוֹיעֶן אִין אַלְגֶעמַיין זַיינֶען זֶעהֶער נֶערְוֶועז, וַוייל זַייא זַיינֶען פוּן דֶער נַאטוּר שְׁוַואכֶער אַלְס דִיא מֶענֶער אוּנ אַיין נֶערְוֶועזֶער מֶענְשׁ מוּז זֶעהֶער אָפְט גֶערֵייצְט זַיין אוּנ וֶוען עֶר אִיז גֶערֵייצְט, שָׁאנְט עֶר נִיט זָאגַאר זַיין בֶּעסְטֶען טְהַייעֶרְסְטֶען פְרַיינְד.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִין מַיין לֶעבֶּען גֶענוּג גֶעלֶעגֶענְהַייט גֶעהַאט צוּזֶעהֶען, וִויא פְרוֹיעֶן וָואס הָאבֶּען גֶעלִיעבְּט זַייעֶרֶע מֶענֶער מִיט דֶער גְלוּטְה פוּן דֶער שְׁטַארְקֶער לִיעבֶּע הָאבֶּען זַייא דָאס לֶעבֶּען פֶערְבִּיטֶערְט אִין דֶער צַייט וֶוען זַייא זַיינֶען גֶערֵייצְט גִיוֶוען, אָבֶּער אַלְס זַייעֶר כַּעַס אִיז אִיבֶּערְגֶענַאנְגֶען הָאבֶּען זַייא בֶּערַייהֶעט זַייעֶר שְׁלֶעכְטֶע הַאנְדְלוּנְג.

דֶער מַאן דַארְף אִימֶער זַיין פְרוֹיא בֶּעטְרַאכְטֶען וִויא אַ קַאפְּ-רִיזְנֶע קִינְד, וֶועלְכֶעס וֶוערְט בֶּערוּהִיגְט וֶוען מַאן וַוארְפְט אִיהר צוּ אַזִיסֶע זַאךְ, אָבֶּער וֶוען דֶער פָאטֶער שְׁלָאגְט אִיהם אָדֶער בֵּייזֶערְט זִיךְ אוֹיף אִיהם אִין דֶער מִינוּט וָואס עֶר שְׁרַייט וֶוערְט דָאס קִינְד נָאךְ מֶעהר בֵּייז אוּנ שְׁרַייט נָאךְ הֶעכֶער. וֶוען אַפְרוֹיא שֶׁעלְט אוּנ זִידֶעלְט דֶעם מַאן, דַארְף עֶר עֶנְטְוֶועדֶער נָאר נִיט עֶנְטְפֶערִין, אָדֶער זִיא מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער בֶּערוּהִיגֶען, דַאן קוּמְט זִיא שְׁנֶעל צוּרִיק צוּ זִיךְ אוּנ זִיא וֶוערְט זַאנְפְט וִויא אַטוֹיבּ, זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ דָאס וֶוען דֶער מַאן שֶׁעלְט אוּנ זִידֶעלְט צוּרִיק, וֶוערְט זִיא מֶעהר נֶערְוֶועז, מֶעהר גֶערֵייצְט אוּנ עֶס קוּמְט צוּ דִיא גְרֶעסְטֶע סְקַאנְדַאלֶען.

דוּא זָאלְסְט נִיט פְרֶעגֶען: פִיר וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ עֶרְנִיעדְרִיגֶען אוּנ מַיין פְרוֹיא פֶערְשְׁווַיינֶען וֶוען זִיא זִידֶעלְט אוּנ שֶׁעלְט מִיךְ? פֶערְנֶעם נִיט אַז דַיין שׁוּלְדִיגְקַייט אִיז דוּא זָאלְסְט מִיטְלַייד הָאבֶּען מִיט שְׁוַואכֶע אוּנְד אוּנְגְלִיקְלִיכֶע, אוּנ דִיא פְרוֹיא אִיז מִיט דִיא בֵּיידֶע פְּלָאגֶען גֶעפְּלָאגְט גֶעוָוארֶען, זִיא אִיז שְׁוַואךְ אוּנ אוּנְגְלִיקְלִיךְ. זִיא

הָאט שְׁווֶערֶע לֵיידֶען וֶוען זִיא שְׁוַואנְגֶערְט אוּנ שְׁרֶעקְלִיכֶע וֶועטְהָאגֶען. וֶוען זִיא בֶּעשֶׁענְקְט דִיר מִיט אַקִינְד. נַאכְהֶער מוּז זִיא דָאס קִינְד זֵייגֶען, קָאן דוּרְךְ דֶעם נֶעכְט נִיט שְׁלָאפֶען, מוּז עֶס אוֹיף אִיהרֶע הֶענְד טְרָאגֶען, אוּנ דַאדוּרְךְ הָאט זִיא קֵיין מָאל קֵיין רוּהֶע, וֶועהרֶענְד דוּא בִּיזְט אִימֶער דֶער זֶעלְבֶּער, גֶעזוּנְד מוּנְטֶער אוּנ שְׁטַארְק. אִיךְ ווִיעדֶערְהָאלֶע מֵיינֶע וָוארְטֶען: בֶּערֶעכֶען זִיךְ זֶעהֶער גוּט בֶּעפָאר דוּא גֶעהסְט צוּם רָב שְׁרַייבֶּען אַנְט, דוּא זָאלְסְט נִיט מֵיינֶען אַז פַאר אַ צְווֵייטֶער וַוייבּ וֶועסְט דוּא לֶעקִין כְּסֵדֶר הָאנִיג, דָאס מֵיינֶען נוּר דוּמְקֶעפְּפֶע, בֶּעטְרַאכְט גוּט דִיא מֶענֶער וָואס הָאבֶּען צְווֵייטֶע פְרוֹיֶען, וֶועסְט דוּא זֶעהֶען אַז 99 פְּרָאצֶענְט פוּן זֵייא דֶערְמָאנֶען מִיט טְרֶערִין זֵייעֶרֶע עֶרְשְׁטֶע וַוייבֶּער.

אַלְזָא, יֶעצְט טוּה ווִיא דוּא ווִילְסְט, אַלְס גֶעטְרַייֶער פָאטֶער הָאבּ אִיךְ דִיר מַיין רַאטְה גֶעגֶעבֶּען אוּנ דוּא אַלְס קְלוּגֶער יוּנְגֶער מַאן דַארְפְסְט פֶערְשְׁטֶעהֶען אַז אִיךְ הָאבּ רֶעכְט.

אִיךְ בִּין פֶעסְט אִיבֶּערְצַייגְט דָאס אִיךְ וֶועל פוּן דִיר בַּאלְד הֶערֶען אַז דוּא הָאסְט מִיט דַיין פְרוֹיא פְרִיעדֶען גֶעשְׁלָאסֶען. דָאס וֶועט דִיא עֶרְקְווִיקֶענְדְסְטֶע נַאכְרִיכְט זַיין פַאר דַיין דִיר גְלִיקְווִינְשֶׁענְדֶען פָאטֶער

מארקוס ראזגאלד.

13.

מַאקְס צוּ זַיין פָאטֶער.

לאצק 15 טען אווגוסט 1898.

מַיין קְלוּגֶער טְהַייעֶרֶער פָאטֶער!

אִיךְ בְּרֵיינְג דִיר יֶעצְט דִיא עֶרְקְווִיקֶענְדֶע נַאכְרִיכְט וָואס דוּא הָאסְט עֶרְוַוארְטֶעט, דַיינֶע קְלוּגֶע וָוארְטֶען הָאבֶּען מִיר דִיא בְּלִינְדֶע אוֹיגֶען גִיעֶפִינְט, אִיךְ זָאל זֶעהֶען וָואס פַאר אַנֶעפֶערְלִיכֶען שְׁרִיט

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מַאכֶען , אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מַיין גִיטֶעלֶען גְטִין , מַיין לִיעבֶּער פְּרוֹיא וֶועלְכֶע הָאט דַאן וֶוען אִיךְ בִּין קְרַאנְק גִיוֶוען , נֶעכְט נִיט גֶעשְׁלָאפֶען אוּנ הָאט אַלֶע אִיהרֶע קְרֶעפְטֶע אַוֶועקְ-גֶעלֵייגְט , אוּם מִיךְ גֶעזוּנְד צוּמַאכֶען , גִיטֶעלֶען דִיא מוּטֶער פוּן מַיין שֵׁיינֶער טָאכְטֶער רֵייזֶעלֶען הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פוּן זִיךְ אוֹיף עֵוִויג פֶערְשְׁטוֹיסֶען , דָאס אִיז וִוירְקְלִיךְ פוּן מִיר אַהִימֶעלְשְׁרַייֶענְדֶעס אוּנְרֶעכְט גִיוֶוען .

מִיר מֶענְשֶׁען הָאבֶּען שׁוֹין דִיא פֶערְפְלוּכְטֶע נַאטוּר דָאס מִיר פֶערְגֶעסֶען שְׁנֶעל דִיא גוּטֶעס וָואס יֶעמַאנְד הָאט מִיט אוּנְז גֶע-טָאהן וֶוען מִיר זַיינֶען פוּן אִיהם אִיבֶּער אַקְלֵיינִיגְקַייט אוּנְצוּפְרִיעדֶען . אַלְס מַיין גִיטֶעלֶע הָאט מִיךְ גֶעפְלוּכְט אוּנ גֶעזִידֶעלְט הָאבּ אִיךְ גָאר פֶערְגֶעסֶען דִיא פִילֶע גוּטֶעס וָואס זִיא הָאט מִיר גֶעטָאהן אוּנ דִיא גְרוֹיסֶע לִיעבֶּע אוּנְד טְרַייהַייט וָואס זִיא הָאט מִיר בֶּע-וִויעזֶען . בַּאלְד וִויא אִיךְ הָאבּ דַיין בְּרִיעף דוּרְכְגֶעלֶעזֶען , הָאבּ אִיךְ מִיךְ פוּן מַיין שִׁכְּרוּת אוֹיסְגֶענִיכְטֶערְט , אִיךְ בִּין גֶעלָאפִין צוּ מַיין פְּרוֹיא הָאבּ זִיא אוּמְגֶעאַרְמְט , גֶעקוּשְׁט , אוּנ זִיא אוּם פֶערְצַייהוּנְג גֶעבֶּעטֶען . פָּאטֶער ! דוּא הָאסְט בֶּעדַארְפְט זֶעהֶען אִיהר פְרֵיידֶע , דוּא הָאסְט בֶּעדַארְפְט זֶעהְן דִיא גְלִיקְלִיכֶע שְׁטְרַאהלֶען וָואס אִיהרֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעשָׁאסֶען ! אִיךְ הָאבּ זִיא וִויא פוּן טוֹיט לֶעבֶּענְדִיג גֶעמַאכְט , אוּנ אָנְשְׁטָאט דֶעם וָואס זִיא זָאל מִיר פֶערְצַייהֶען , הָאט זִיא מִיךְ אוּם פֶערְצַייהוּנְג גֶעבֶּעטֶען .

הַייטֶע לֶעבֶּען מִיר אָבֶּערְמַאלְס וִויא אַ פָּאר גְלִיקְלִיכֶע זַאנְפְטֶע טוֹיבֶּען אוּנ וֶוען אִיךְ דֶערְמָאן מִיךְ אָן דֶער דוּמְהַייט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעגֶעהְן , שֶׁעם אִיךְ מִיךְ פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּנ פְרֶעג זִיךְ זֶעלְבְּסְט : וואוּ אִיז מַיין פֶערְשְׁטַאנְד גִיוֶוען ?

אוּנ וֶוער הָאט מִיר מַיין פֶערְשְׁטַאנְד צוּרִיק גֶעגֶעבֶּען ? וֶוער הָאט מִיר מַיין גְלִיק צוּרִיק גֶעקֶעהרְט ? נוּר דוּא , מַיין קְלוּגֶער לִיעבֶּער פָּאטֶער .

יֶעצְט וֶועסְט דוּא שׁוֹין פוּן מִיר מֶעהר זָאלְכֶע דוּמְהַייט נִיט

הָערְעֶן , דוּא װֶעסְט נוּר הֶערֶען אַז גְלִיקְלִיךְ מִיט זַיין פְּרוֹיא אוּנ
קִינְד לֶעבְּט דַיין דַאנְקְבַּארֶער זָאהן

מאקס .

14.

אַ טָאכְטֶער צוּ אִיהר מוּטֶעַר .

לובלין 8 טען סענטיאבר 1898.

טְהַייעֶרֶע לִיעבֶּע מוּטֶער !

דוּא בֶּעקְלָאגְסְט זִיךְ אוֹיף מִיר אִין דַיין לֶעצְטֶען בְּרִיעף , דַאפִּיר װָאס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר זָאלְכֶע קוּרְצֶע בְּרִיעפֶע אוּנ פוֹיל מִיךְ דִיר צוּ בֶּענַאכְרִיכְטֶען װֶעגֶען אַלֶעס װָאס מִיךְ אָנְבֶּעלַאנְגְט .

נַיין מוּטֶער , דוּא קָאנְסְט מִיךְ זֶעהֶער גוּט , דוּא װַייסְט אַז אִיךְ בִּין נִיט פוֹיל צוּ טָאהן אַזַא זַאךְ װָאס דִיר קָאן דָאס פֶערְגֶענִיגֶען פֶערְשַׁאפֶען ; דַאגֶעגֶען אָבֶּער בִּין אִיךְ זֶעהֶער פוֹיל צוּ טָאהן זָאלְכֶע זַאכֶען , װָאס קָאנֶען דִיר שְׁמֶערְצֶען פֶערְשַׁאפֶען אוּנ דָאס אִיז דִיא רִיכְטִיגֶע אוּרְזַאכֶע װָאס אִיךְ בִּין אִין מַיינֶע װֶערְטֶער זָא שְׁפַּארְזַאם .

אִיךְ גְלוֹיבּ אַז פוּן דִיעזֶע װָארְטֶען פֶערְשְׁטֶעהְסְט דוּא , אַז אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר קֵיינֶע פְרֶעהלִיכֶע נַייֶעס גֶעהַאבְּט .... אוּנ װַייל דוּא צְװִינְגְסְט מִיךְ אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבֶּען פוּן אַלֶעס װָאס מִיךְ אָנְבֶּעלַאנְגְט , מוּז אִיךְ דַיין בֶּעפֶעהל טָאהן , אָבְּװָאהל גָאט אִיז מַיין צֵיינֶע דָאס אִיךְ טוּה דָאס גֶעגֶען מַיין װִילֶען , מוּטֶער ! אִיךְ בִּין זֵייעֶר אוּנְגְלִיקְלִיךְ !

ר אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִימֶער פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס װֶען אִיךְ װֶעל הֵייַראטֶען מִיט מַיין גֶעלִיעבְּטֶען אַדָאלְפְן , װֶעל אִיךְ דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע אִין דֶער װֶעלְט זַיין , מִיר װֶעלִין זִיךְ אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבֶּען גֶעגֶענְזַייטִיג לִיעבֶּען אוּנ אַכְטֶען , לֵיידֶער אָבֶּער הָאבּ אִיךְ מִיךְ יֶעצְט אִיבֶּערְצַייגְט דָאס אַלֶע מַיינֶע הָאפְנוּנְגֶען זַיינֶען נוּר אַזִיסֶער טְרוֹים , אִיךְ הָאבּ מִיךְ יֶעצְט עֶרְװַאכְט אוּנ אִיךְ בִּין אוּנְגְלִיקְלִיךְ , אַדָאלְף בֶּעהַאנְדֶעלְט מִיר

וָועהָער שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז אִימֶער צָארְנִיג אוּנ בֵּייז, עֶר פִינְדֶעט בְּלויס פֶעהלֶער אִין אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּה, דָא אִיז אִיהם נִיט אַנְגֶענֶעהם אִין שְׁטוּבּ צוּ זִייטְצֶען, וַוייל אִיבֶּערְאַל אִיז נָאךְ זַיין מֵיינוּנְג שְׁמוּטְצִיג, דָא גֶעפֶעהלְט אִיהם נִיט דָאס עֶסֶען אוּנ וֶוען עֶס טְרֶעפְט אַמָאל אַז דֶער מִיטָאג אִיז נִיט פֶערְטִיג, וֶוען עֶר קוּמְט פוּן דֶער אַרְבֵּייט וֶוערְט עֶר ווִיטְהֶענְד אוּנ שִׁימְפְּפְט מִיךְ ווִיא. אִיךְ זָאל זַיין דִינְסְט זַיין.

מוּטֶער! אִיךְ קָאן שׁוֹין מֶעהר זָאלְכֶע לֵיידֶען נִיט עֶרְטְרָאגֶען, אִיךְ בִּין פֶעסְט בֶּעשְׁלָאסֶען, מַיין טִירַאנִישֶׁען מַאן צוּפֶערְלַאסֶען אוּנ צוּ דִיר צוּקָאמֶען, אִיךְ צְוֵוייפְלֶע נִיט דָאס דוּא וֶועסְט מִיט דַיין גֶע-וָועהנְלִיכֶער מוּטֶער-הֶערְץ, עֶמְפְּפַאנְגֶען דַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶע טָאכְטֶער

מרים.

15.

אַנְטְוָוארְט.

ווארשא 17 טען סענטיאבר 1898.

מַיין הֶערְצֶענְס קִינְד!

דַיין בְּרִיעף לִיעגְט יֶעצְט פַאר מִיר דוּרְכְגֶעוַוייקְט מִיט מַיינֶע טְרֶערֶען. הָאבּ אִיךְ דָאס וֶוען עֶרְוַוארְטֶעט אַז מַיין שֵׁיינֶע גוּטֶע טָאכְטֶער וֶועט זָא אוּנְגְלִיקְלִיךְ זַיין? יָא, מַיין טָאכְטֶער דוּא דַארְפְּסְט גָאר נִיט צְוֵוייפְלֶען אַז אִיךְ וֶועל דִיךְ עֶמְפְּפַאנְגֶען מִיט דֶער זֶעלְבֶּער לִיעבֶּע וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ עֶרְצָאגֶען בִּיז דוּא הָאסְט גֶעהֵיירַאטֶעט. אָבֶּער מַיין לִיעבֶּע טָאכְטֶער, אַלְס גֶעטְרַייֶע מוּטֶער אִיז מַיין שׁוּלְדִיגְ-קַייט דִיךְ אוֹיף אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע זַאכֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאם צוּ מַאכֶען.

דִיא פְּרַאקְטִיק הָאט מִיר גֶעלֶערִינְט דָאס עֶס אִיז פַאר יֶעדֶען מֶענְשֶׁען נֶעהטִיג עֶר זָאל גֶעדוּלְדִיג עֶרְטְרָאגֶען גֶעווִיסֶע שְׁמֶערְצֶען וָואס מוּזֶען פָארְקוּמֶען אִין לֶעבֶּען, בֶּעזָאנְדֶערְס, זָאלְכֶע אוּנ-אַנְגֶעהמְלִיכְקֵייטֶען וָואס טְרֶעפֶען זֶעהָער אָפְט אִין פַאמִילְיֶען לֶעבֶּען.

(שמר'ס בר"ש)

עס איז אונמֶעגְלִיךְ אַמַאן מִיט אַוַויבּ זָאלֶען זַייעֶר לֶעבֶּען דוּרְךְ גֶעהֶען זָא פְּרֵיעדְלִיךְ, ווִיא זַייא וַוארֶען אַלְס זַייא זַיינֶען צוּ דֶער חוּפָּה גֶעגַאנְגֶען.

„אַמֶענְשׁ איז קֵיין מַלְאַךְ" זָאגְט דִיא וֶועלְט, יֶעדֶער מֶענְשׁ הָאט אִין זִיךְ פוּן דֶער נַאטוּר כַּעַס, דִיעזֶער כַּעַס קָאן אַרוֹיסְגֶערוּפֶען ווֶערְען מַאנְכֶעס מָאל פוּן אַקְלֵיינִיגְקֵייט, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז אַמֶענְשׁ גֶענֵייגְט אִין כַּעַס צוּ וֶוערֶען ווֶען אִיהם אִיז שְׁלֶעכְט אוֹיף'ן הֶערְצֶען. דַאן קָאן עֶר זַיין צָארְן אוֹיסְגִיעסֶען אוֹיף זַיינֶע לִיעבְּסְטֶע אוּנ טְהַייֶערְטְטֶע פֶּערְזָאנֶען. דַארוּם אִיז דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט פוּן אַמַאן אָדֶער פוּן אַפְרוֹיא, זַייא זָאלֶען גֶעדוּלְדִיג עֶרְטְרָאגֶען אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטֶענְס קַאפְּרִיזֶען. אַזוֹיא וואוּיל אוּנ גוּט אִיז צוּ דֶער פֶּערְזָאן ווֶעלְכֶע קָאן זִיךְ רוּהִיג הַאלְטֶען ווֶען יֶעמַאנְד בֶּעווַייזְט אִיהם זַיין כַּעַס, דֶען דֶער צָארְן פוּן אַמֶענְשֶׁען מוּז אִיבֶּער גֶעהֶען, אוּנ דַאן בֶּערַייהֶעט עֶר זֶעלְבְּסְט דִיא דוּמְהַייט ווָאס עֶר הָאט בֶּעגַאנְגֶען, אִין דֶער צַייט ווֶען עֶר וַואר אוֹיפְגֶערֶעגְט.

אַנְדֶערְשׁ אָבֶּער אִיז ווֶען אֵיינֶער ווִיל דֶעם צְווֵייטֶען נִיט פֶּערְ־שְׁוַויגֶען אוּנ ווֶען צוּם בַּיישְׁפִּיעל דֶער מַאן אִיז אַווִילְדֶער כַּעֲסָן בֶּעווַייזְט אִיהם דִיא פְרוֹיא אַז זִיא אִיז נָאךְ אַגְרֶעסֶערֶע כַּעֲסָנְטֶע, בַּייא זָאלְכֶע לַייטֶע טְרֶעפְט אַז זַייא ווֶערֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף לַאנְגֶע צַייטֶען ווֶען קֵיינֶער פוּן זַייא ווִיל זִיךְ בְּרֶעכֶען אוּם דֶעם צְווֵייטֶען אוּם פֶּערְ־צַייהוּנְג צוּ בִּיטֶען, דָאס לֶעבֶּען פוּן אַזֶעלְכֶע עֶהֶע לַייטֶע אִיז בִּיטֶערֶער פוּן דֶעם טוֹיט.

דִיא פְרוֹיא דַארְף נִיט פֶערְגֶעסֶען אַז דֶער מַאן אִיז אִיהר בַּעַל מְפַרְנֵס, אִיהם דְרֶעהט דֶער קָאפְּף צוּ פֶערְדִינֶען דָאס נֶעטְהִיגֶע גֶעלְד ווָאס דִיא פַאמִילְיֶע מוּז הָאבֶּען. ווֶען עֶר אַרְבַּייט אָדֶער ווֶען עֶר אִיז אִין אַגֶעשֶׁעפְט הָאט עֶר פֶערְשִׁיעדֶענֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ, אִיז דֶערוּם דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט פוּן זַיין פְרוֹיא, זִיא זָאל אִיהם פֶערְזִיסֶען דָאס לֶעבֶּען אִין דִיא אֵיינְצִיגֶע שְׁטוּנְדֶען ווָאס עֶר זִיצְט בַּייא זִיךְ צוּ הוֹיזֶע, עֶר מוּז זַיין ווָאהנוּנְג אִימֶער גֶעפִינֶען רֵיין, דָאס ווַייבּ מִיט

דיא קינדער ציכטיג געקליידעט אונ דער טיש מוז זיין געגרייט ווען ער קומט עסען אונ דיא שפייזען מוזען זארג-פעלטיג פארפערטיגט ווערען, ער זאל פון זייא הנאה האבען. דיא פרויא מוז איהם, אין דער צייט ווען ער איז בעזארגט טרויסטען אונ אלע קרעפטע אנ-ווענדען, איהם צו בערוהיגען, דאן פיהלט ער זיך זעהער גליקליך אונ דאנקבאר.

ווען אבער דער מאן געפינט קומענדיג אהיים פון זיין ארבייט דאס הויז אהן אנ'ארדנונג, דאס ווייב פערדריפעט, דיא קינדער פער-שמוצט, דאס עסען נים פערטיג אדער ניט געשמאק, מוז ער ווען זאגאר ער איז דער בעסטער מענש אין דער וועלט, צארניג ווערען, זיין לעבען ווערט איהם איבערדריסיג, ער קאן אין זיין הויז ניט זיטצען אונ ער זוכט דיא צייט אין פרעמדע געזעלשאפט צופערברייינגען אונ עס איז דארום קיין וואונדער וואס ביידע, ער אונ זיין פרויא פיהלען זיך העכסט אונגליקליך.

דאס אלעס האב איך דיר מיין טאכטער געזאגט אום דוא זאלסט בערעכענען פיעלייכט איז דיין מאן ניט אזויא שטארק שולדיג אין דעם וואס ער בעהאנדעלט דיך זא שלעכט ··· איך קאן דאך דיך אז דוא ביסט אביסעלע פויל אונ אהיבש ביסעל שטאלץ, קוק זיך ארום פיעלייכט ביסט דוא אליין, דיא אורזאכע פון דעם וואס דיין מאן איז צו דיר שלעכט.

דוא זאלסט ניט פערגעסען וואס פאר אשאנדע דיך ער-ווארטעט, ווען דוא וועסט פון דיין מאן אונ פון דיינע קינדער אוועקפאהרען, וואס וועט דיא וועלט דאצו זאגען אונ וואס קאן דיא ענדע זיין.

שטעל זיך פאר ווען דוא האסט זיך מיט דיין מאן געגעט וואס ערווארטעט דיך דאן? ביזט דוא שוין זיכער אז דוא וועסט אבעסערן מאן געפינען? דוא זאלסט ניט פערגעסען אז אגרושה איז שוין ניט אזא יחוס וויא אמעדכען, זעה מיין קינד דוא זאלסט שפעטער קיין חרטה האבען.

(שמר"ס בר"ש)

גְעדַיינְק אַז דיעזֶע וֶוערְטֶער שְׁרַייבְּט דיר דַיין בֶּעסְטֶע פְרַיינְדִין אִין דֶער וֶועלְט, דַיין גֶעטְרַייֶע מוּטֶער

מלכה.

16.

פון אַפְּרוֹיא צו אַמַאן!

קרעמענצוג 18 טען אקטיאבער 1898.

מַיין טְהַייֶערֶער יִצְחָק!

דוא בִּיזְט אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען אונ איך בִּין דָא גֶעבְּלִיעבֶּען אַלַיין מִיט אוּנְזֶערֶע לִיעבֶּע קִינְדֶער, אִיךְ קָאן דיר מַיין לֶעבֶּען נָאר נִיט פָארְשְׁטֶעלֶען, וִויא עֶלֶענְד אִיךְ פִיהל מִיךְ, עֶפֶּעס וַוייזְט מִיר דָאס הויז אוים וִויא פוּסְט. אוֹיף וֶועלְכֶען גֶעגֶענְשְׁטַאנְד איך טוה אַקוּק, דֶער מָאהְן אִיךְ מִיךְ אָן דִיר, אִיךְ דֶערְמָאהְן מִיךְ אַז דוא פֶעהְלְסְט דָא, דוא מַיין אַיינְצִיגֶער פְרַיינְד בִּיזְט וַוייט פוּן מִיר אוּנ בַּייא דיעזֶען גֶעדַאנְק פְלִיעסֶען הַייסֶע טְרֶערֶען פון מַיינֶע אוֹיגֶען.

אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלַאךְ דֶערְמָאנֶען דִיךְ זֶעהְר אָפְט, זַייא פְרֶעגֶען מִיךְ אַלֶץ: מַאמַא, וואוּ אִיז דֶער פַּאפַּא? וֶוען וָועט עֶר צוּרִיק קוּמֶען? אוּנ דיעזֶע פְרַאגֶען שְׁטֶעהְן בַּיי מִיר נָאךְ זָאלְץ אויף מַיינֶע וואוּנְדֶען: דֶען דיא זֶעלְבֶּע פְרַאגֶען פְרֶעג אִיךְ זִיךְ אַלַיין אוֹיךְ, אִיךְ קְלֶער אַלְץ וואוּ אִיז יֶעצְט מַיין לִיעבֶּער יִצְחָק? וֶוען וֶועל אִיךְ עֶרְלֶעבֶּען אִיהם צוּרִיק צוּ זֶעהֶען?

אַךְ וִויא עֶרְוַוארְטֶע אִיךְ דַיינֶע בְּרִיעף מַיין טְהַייֶערֶער! וֶוען דֶער בְּרִיעף-טְרֶעגֶער גֶעהט פַארְבַּייא אוּנְזֶער וְואהנוּנְג פַאנְגְט דָאס הֶערְץ אָן אִין מִיר צוּ קְלַאפֶּען. אִיךְ קְלֶער אִין דֶער מִינוּט: פִיעלַייכְט בְּרֶיינְגְט עֶר מִיר אַבְּרִיעף פוּן מַיין מַאן, אוּנ וֶוען אִיךְ אִיבֶּערְצַיינֶע מִיךְ דָאס אִיךְ הָאבּ אַנְאִירְטְהוּם גֶעהַאט, וֶוערְט דָאס הֶערְץ אִין מִיר צוּבְּרָאכֶען אוּנ אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ וַוארְטֶען מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער אוּנְגֶעדוּלְד אויף דֶער צְוַוייטֶער פָּאסְט.

(שמד'ס בר"ש)

דיא פְרֵיידֶע וָואס איך הָאבּ וֶוען איך עֶרְהַאלְט יַא פָאן דיר אַבְּריעף איז אוּנְבֶּעשְׁרַייבְּליך , עֶפֶּעם וַוייזְט מִיר אוֹיס אַז מִיך הָאט דָאס גְרֶעסְטֶע גְלִיק גֶעטְרָאפֶען , אַז אִין דיעזֶען בְּריעף וֶועל איך אַגְרוֹיסֶען שַׁאטְץ גֶעפִינֶען . מִיט צִיטֶערֶענְדֶע הֶענְד עֶפֶען איך דַיין בְּריעף , אִיך שְׁלִינְג יֶעדֶעס וָוארְט , איך לֶעז עֶס נָאך אַמָאל אוּנ ווִיעדֶער אַמָאל אוּנ אִין דיא מִינוּטֶען בִּין איך דיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע אִין דָער וֶועלְט .

אִיך בֶּעט דיך מַיין טְהַייעֶרֶער יִצְחָק , דוּא זָאלְסְט זיך בֶּעמִיהֶען וָואס גִיכֶער אַהֵיים צוּקוּמֶען , אוּנ בִּיז דוּא וֶועסְט קוּמֶען שְׁרַייבּ זָא פִיעל בְּריעף ווִיפִיעל דוּא קָאנְסְט , דֶען דַאמִיט בֶּעגְלִיקְסְט דוּא דַיינֶע קִינְדֶערְלַאך אוּנ מִיר דַיין דיך הַיים לִיעבֶּענְדֶע פְרוֹיא

פייגע .

17.

אוֹיף אַנְ׳אַנְדֶער אַרְט .

מַיין לִיעבֶּער גוּטֶער מַאן !

דַיין בְּריעף פוּן דֶעם 3 טֶען אָקְטָאבֶּער הָאבּ אִיך עֶרְהַאלְטֶען . אִיך דַאנְק דיר זֶעהֶער פַאר דַיינֶע זִיסֶע וָוארְטֶען אוּנ פַאר דיא גוּטֶע הָאפְנוּנְגֶען וָואס דוּא גִיבְּסְט מִיר אַז אִין גִיכֶען וֶועסְט דוּא צוּרִיק אַהַיים פָארֶען . יַא , אַהֵיים מַיין לִיעבֶּער מַאן , קוּם צוּרִיק אַהֵיים צוּ דַיין ווַייבּ אוּנ צוּ דַיינֶע קִינְדֶערְלַאך , וֶועלְכֶע הֶערֶען נִיט אוֹיף פוּן דיר צוּ דֶענְקֶען , ריידֶען אוּנ פַאר דיר גָאטט צוּ בֶּעטֶען . פָאהר שְׁנֶעלֶער אַהֵיים צוּ דיא פֶּערְזָאנֶען וָואס זַיינֶען צוּ דיר צוּגֶע-בּוּנְדֶען מִיט לַייבּ אוּנ זֶעעלֶע .

אוֹיף דָאס גֶעלְט וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעשִׁיקְט הָאבּ אִיך עֶרְהַאלְטֶען . זָעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶענְדְלִיך אַז אִיך הָאבּ מִיך מִיט זַייא שְׁטַארְק גֶעפְרֵייעט , אָבֶּער טוֹיזֶענְד מָאל מֶעהר וָואלְט אִיך צוּפְרִידֶענֶער

גִיוֶוען וֶוען אִיךְ זָאל דִיךְ אַלֵיין זֶעהֶען, מִיט דִיר בַּייא אֵיין טִישׁ עֶסֶען אוּנ צוּזַאמֶען טְהֵיילֶען דִיא פְרֵיידֶע אַן אוּנְזֶערֶע שֵׁיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעוואוּנְדֶער מַאנְכֶעס מָאל זִיךְ זֶעלְבְּסְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גָאט זַייא דַאנְק דָא עֶלְטֶערִין, בְּרִידֶער אוּנ שְׁוֶועסְטֶער אוּנ דָאךְ פִיהל אִיךְ מִיךְ צְווִישֶׁען זַייא נִיט מֶעהר הֵיימִישׁ, וַוייל מַיין הַיים אִיז נוּר דָארְטֶען וואוּ דוּא בִּיזְט. פֶערְגֶעניגֶען קָאן אִיךְ נוּר הָאבֶּען אִין דַיין גֶעזֶעלְשַׁאפְט.

אִיךְ הָאף אַז דוּא וֶועסְט הַאלְטֶען וָוארְט אוּנ אִין גִיכֶען וֶועט דָאס גְלִיק הָאבֶּען דִיךְ צוּזֶעהן דַיין גִיטְרַייֶע פְרוֹיא....

18.

אַנְדֶערְשׁ.

יִצְחָק, מַיין טְהַייֶערֶער מַאן!

זַייט דְרַייא וָואכֶען הָאבּ אִיךְ פוּן דִיר קַיין בְּרִיעף עֶרְהַאלְטֶען, דְרַייא וָואכֶען הָאבּ אִיךְ פוּן מַיין לִיעבֶּען מַאן נִיט גִיהֶערְט, דָאס זַיינֶען אָבֶּער קֵיינֶע דְרַייא וָואכֶען גִיוֶוען, זָאנְדֶערִין דְרַייא לַאנְגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע יָאהר. אָ, מַיין לִיעבֶּער מַאן! זָאל אִיךְ דִיר אוֹיסְשְׁרַייבֶּען דִיא לֵיידֶען וָואס דַיין שְׁווַיינֶען פֶערְשַׁאפְט מִיר? אָבֶּער וָואס רֵייד אִיךְ: אוֹיסְשְׁרַייבֶּען. אִיז דֶען דִיא שְׁוַואכֶע פֶּעדֶער אִין שְׁטַאנְדֶע זָא וָואס צוּבֶּעשְׁרַייבֶּען? אִיךְ קָאן דִיר נוּר קוּרְץ אוּנ שַׁארְף זָאגֶען, אַז אִיךְ לֶעבּ נִיט, אִיךְ גֶעה אַרוּם וִויא צוּדוּלְט, אוֹיף מִיר לִיעגְט אַשְׁרֶעקְלִיכֶע מֶעלַאנְכָאלְיֶע, פַאר מִיר מָאלֶען זִיךְ שְׁרֶעקְלִיכֶע שׁוֹידֶערְהַאפְטֶע בִּילְדֶער, פִיעלַייכְט אִיז מַיין לִיעבֶּער מַאן קְרַאנְק, פִיעלַייכְט הָאט אִיהם אַנְ'אוּנְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען, פִיעלַייכְט... אָבֶּער נֵיין אַזַא גְרוֹיזַאמֶע זַאךְ וִויל אִיךְ נִיט אוֹיסְשְׁרַייבֶּען.

יִצְחָק! גְלִיהט נָאךְ אִין דַיין בְּרוּסְט אַפוּנְק לִיעבֶּע צוּ מִיר? בֶּעפִינְדֶעט זִיךְ אִין דַיין הֶערְץ עֶטְוָואס מִיטְלַייד צוּ דַיין פְרוֹיא אוּנ צוּ

דַיינֶע קִינְדֶער ? זָאלְסְט דוא מִיר דִיא מִינוּט רִיכְטִיג בֶּענַאכְרִיכְטֶען וָואס מִיט דִיר הָאט פַּאסִירְט, אִיךְ וִויל אוּנ מוּז אַלֶעס וִויסֶען, אִיךְ וִויל חָאטְשׁ זֶעהן דַיין הַאנְדְשְׁרִיפְט.

אִיךְ קָאן מֶעהר נִיט שְׁרַייבֶּען. דִיא טְרֶערֶען שְׁטִיקֶען מִיךְ, מַיין הַאנְד וְויא אוֹיךְ מַיין הֶערְץ צִיטֶערְט אוּנ מִיט גְרָאסֶער מִיהֶע קָאן אִיךְ נוּר אוּנְטֶער שְׁרַייבֶּען מַיין נָאמֶען ···

19.

וַוייטֶער אַנְדֶערְשׁ.

לִיעבֶּער מַאן!

אִיךְ וִויל צוּ דִיר יֶעצְט אַלַאנְגֶען בְּרִיעף שְׁרַייבֶּען אָבֶּער אִיךְ וַויים נִיט פוּן וַואנֶען אָנְצוּהוֹיבֶּען אוּנ פוּן וָואס פְרִיהֶער צוּשְׁרַייבֶּען, צוּ זָאל אִיךְ דִיר פָארְוִוירְפֶע מַאכֶען דֶערְפַאר וָואס דוּא בִּיזְט אַזוֹיא פוֹיל צוּם שְׁרַייבֶּען, אָדֶער דֶערְפַאר ווָאס דוּא זָארְגְסְט זָא וָועניג פַאר דַיין פַאמִילְיֶע אוּנ שִׁיקְסְט קַיין גֶעלְד, אוּם דַיינֶע פְרוֹיא מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶען נִיט דַארְפֶען מַאנְגֶעל לַיידֶען.

מַיין גָאט! וְויא אַזוֹיא קָאן דָאס אַמֶענְשׁ בַּייא זִיךְ רָעכְנֶען מַאכֶען זָא זַיין פַאמִילְיֶע צוּ בֶּעהַאנְדְלֶען. לוֹיט אִיךְ וַויים פֶערְדִינְסְט דוּא גַאנְץ פַיין, נוּא אוּנ בַּייא דִיר אִיז רֶעכְט אַלֵיין צוּ לֶעבֶּען אִין אַלֶע פֶערְגֶעניגֶען אוּנ דַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער זָאלֶען שְׁמַאכְטֶען אִין הוּנְגֶער ? וואוּ אִיז דַיין פָּאטֶער-הֶערְץ ? וואוּ זַיינֶען דַיינֶע מֶענְשְׁלִיכֶע גֶעפִיהלֶען ?

אִיךְ קָאן זִיךְ קַיין רַאטְה גֶעבֶּען וָואס צוּ טָאהן, זָאל אִיךְ דִיךְ שִׁימְפְּפֶען, זִידְלֶען ? דָאס וֶועט אוֹיף דִיר גֶעוִויס נִיט ווִירְקֶען. אִין נֶענֶענְטְהַייל, דוּא וֶועסְט אוֹיפְגֶערֶעגְט וָוערֶען אוּנ וֶועסְט שׁוֹין גֶעפִינֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין אַתִּירוּץ, דוּא זָאלְסְט גֶערֶעכְט בְּלַייבֶּען וֶוען

דיין גֶעווִיסֶען וֶועט דיךְ פְּלָאגֶען דַאפִיר. וָואס דוּא בֶּעהַאנְדֶעלְסְט אוּנְז זָא שְׁלֶעכְט. אוּיסֶער דֶעם, קָאן איךְ דיךְ נִיט זִידְלֶען אָדֶער שֶׁעלְטֶען, ווייל איךְ בֶּעטְרַאכְט דיךְ נָאךְ יֶעצְט אויךְ אַלְס מַיין בֶּעסְטֶען פְרַיינְד, אוּנ אַלְס דֶעם פָאטֶער פוּן מַיינֶע אַרְמֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע קִינְדֶער. אִיךְ וֶועל לִיעבֶּערְסְט פַאר דיר וֵויינֶען, בֶּעטֶען וֶועל אִיךְ דיךְ דוּא זָאלְסְט רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף דִיא עֶלֶענְדֶע וָואס הָאבֶּען נִיט צוּ קֵיינֶעם אוֹיסֶער צוּ דִיר זִיךְ צוּ וֶוענְדֶען, דוּא וֵוייסְט דָאךְ וָואס פְרֶעמְדֶע בַּעֲלֵי טוֹבוֹת זַיינֶען.

יָא, מִיטְלֵייד וֶועל אִיךְ פוּן דִיר יֶעצְט בֶּעטֶען, מַיין לִיעבֶּער מַאן, אִיךְ וֵויים אַז דַיין הֶערְץ אִיז נִיט שְׁלֶעכְט, דוּא הָאסְט דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין פְלֵיישׁ אוּנ בְּלוּט לִיעב, לָאז זֵייא דָאךְ נִיט דַארְבֶּען בְּרֵיינְג זֵייא נִיט דַאצוּ זֵייא זָאלֶען בַּייא פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען בְּרוֹיט זוּכֶען.

וֶוענֶען מִיר וִויל אִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט רֵיידֶען, אִיךְ וִויל דַיין מִיטְלֵייד אוֹיף זִיךְ נִיט עֶרְוֶועקֶען, אִיךְ פֶּערְלַאנְג שׁוֹין קֵיין זַאךְ, אִיךְ בִּין זָא נִידֶערְגֶעשְׁלָאגֶען, זָא פֶערְצְוֵוייפֶעלְט, דָאס אִיךְ בֶּעט אוֹיף זִיךְ דֶעם טוֹיט אֵיידֶער אַזויא בִּיטֶער צוּ לֶעבֶּען.

צוּם לֶעצְטֶען מָאל בֶּעט רַחֲמָנוּת פַאר אִיהרֶע אוּנ דַיינֶע קִינְדֶער דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע מוּטֶער אוּנ פְרוֹיא....

20.

פָאן אַמַאן צוּ זַיין פְרוֹיא.

חערסאן 19 נאיאבר 1898.

מַיינֶע טְהַייעֶרֶע פֵיינֶעלֶע!

מִיט פְרֵיידֶע הָאבּ אִיךְ דַיין זִיסֶען בְּרִיעף גֶעלֶעזֶען, דוּא הָאסְט מִיךְ עֶרְקְוִויקְט מִיט דֶער מֶעלְדוּנְג אַז דוּא מִיט אוּנְזֶערֶע לִיעבֶּע קִינְדֶער דֶענְקֶען אִימֶער וֶוענֶען מִיר אוּנ אִיהר דֶערְמָאנְט מִיךְ זֶעהר אָפְט, דוּא קָאנְסְט מִיר גְלוֹיבִּין מַיינֶע טְהַייעֶרֶע אַז אויךְ אִיךְ הֶער

ניט אויף וועגען אייך צו דענקען, אויך איך פיהל מיך איבעראל עלענד אונ מיך ציהט אהיים, אהיים צו מיינע געליעבטע וואס נור צווישען זייא קאן איך מיך גליקליך פיהלען.

יא מיין פיינעלע, גירנענד איז זא ניט אונ בעקוועם וויא אין דער היים, דאס האב איך ערפאהרען אין דער קורצער צייט וואס איך בין אין דער פרעמד. פאר מיינע אויגען שוועבט איטער דיין זים שמייכעל, דיין פריינדליכע מינע אונ אין מיינע אויערן קלינגען דיא מונטערע פלוידעריען פון אונזערע טהייערע קינדערלאך. אך וויא ערלעב איך שוין אייך צו זעהן, אייך אום צו ארמען אונ זיין אין אייער געזעלשאפט!

גאנץ גיך וועל איך צוריק אהיים פאהרען, דען דיעזע טעג דארף דא אלעס איינגעאָרדנעט אונ געענדיגט ווערען, עס קאן זיין איך זאל דא פערבלייבען נאך איין מאנאהייט אונ איך וויל דארום יעדע וואכע וועניגסטענס פון דיר אבריעף ערהאלטען.

שרייב מיר מיינע טהייערע אלעס, יא, אלעס וואס אנבעטריפט דיך מיט אונזערע קינדערלאך, זעהער דאנקבאר וועט דיר דאפיר זיין דיין געטרייער מאן

יצחק.

P. S. איך געריסע אונד קיסע אונזערע קינדער, זאג זייא אז איך וועל זייא ברייגגען שיינע פריזענטע.

דער זעלבער.

21.

אויף אנ׳אנדער ארט.

מיינע צערטליכע גוטע פרויא!

פיעל פערגעניגען האסט דוא מיר מיינע טהייערע צוגעטהיילט מיט דיין בריעף פון 10 טען אָקטאבער, איך מוז דיר אבער זאגען

אז איך האב זיך געפונען שטארק בעליידיגט פון דעם דאנק וואס דוא האסט מיר געגעבען פאר דיא גוטע האפענונגען וואס איך גיעב דיר. וויא? מיר קומט אדאנק דערפאר וואס איך שרייב גוטע זיסע ווארטען צו מיין פרויא אונ צו מיינע קינדער? איז דען אין דער וועלט פאראן פאר מיר מהייערער אונ ליעבערס פון אייך? ארבייט איך דען ניט נור אום מיינער פרויא מיט מיינע קינדער זאל גאר ניט פעהלען? איך ארבייט פאר זייא ווייל דאס איז מיין שולדיגקייט אונ מיין גרעססטעס פערגעניגען. דער געדאנק אז דאדורך וואס איך ארבייט בריינג איך זייא נוטצען, יא, דיעזער געדאנק גיט מיר כח אונ מוטה אויך לוסט צום לעבען.

דיין וואונש מיך אין גיכען צוזעהן, מיט מיר ביא אין טיש זיצען וועט באלד ערפיללט ווערען. איך וועל אלעס אנווענדען וואס שנעלער צו אייך מיינע הערצענסגעליעבטע צוקאמען.

דוא וואונדערסט זיך אויף דעם וואס יאנאר צווישען דיינע עלטערין, שוועסטער אונ ברידער בעפינדעסט דוא זיך וויא עלענד, דאס איז זיבער קיין וואונדער, דיא פראקטיק האט אונז שוין גענוג געלערענט אז מיט דיא נאהענסטע פערוואנדטע איז נור אנגענעהם צו זיין ווען אויפין הערצען איז פרעהליך, ריכטיגער געזאגט ווען מיא נעטהיגט זיך ניט אין זייער הילף, ווען אבער בעהיטע גאט מאן בראוכט זייער הילפע, דאן קומט מאן צו דער איבערצייגונג אז דיא בעסטע אונ גיטרייעסטע פריינדע אונטער דעם הימעל זיינען ניר מאן אונ ווייב.

דאס פיהל איך אונ דאס פיהלסט דוא אויך אז דוא האסט גיט אין דער וועלט אזא וואהרען גוטען פריינד וויא איך דיין דיך ליעבענדער מאן ....

(שמר'ס בר״ש)

22.

אַנְדְרֶעשׁ.

מַיינֶע גוּטֶע לִיעבֶּע פְרוֹיא!

איך הָאבּ נִיט עֶרְוַוארְטֶעט דָאס מַיין דְרַייא וָואכִינֶעס שְׁוַויינֶען וֶועט דִיך מַיינֶע טְהַייעֶרֶע אִין אַזַא פֶערְצְוֵוייפְלוּנְג בְּרֵיינְגֶען, עֶרְשְׁט דַאן וֶוען אִיך הָאבּ דַיין בְּרִיעף דוּרְך גֶעלֶעזֶען הָאבּ אִיך דֶערְזֶעהֶען וָואס פַאר אַפֶּעהלֶער אוּנ וָואס פַאר אַגְרוֹיסֶע זִינְדֶע אִיך הָאבּ בֶּעגַאנְגֶען דַאמִיט וָואס אִיך הָאבּ דִיר נַאנְצֶע דְרַייא וָואכֶען נִיט גֶעשְׁרִיעבֶּען אוּנ דַארוּם בֶּעט אִיך דִיך אוּם עֶנְטְשׁוּלְדִיגוּנְג, אָבְּוָואהל אִין דָער וִוירְקְלִיכְקַייט הָאבּ אִיך קַיין שׁוּלְד דַארַיין. דֶען אִיך בִּין אִימֶער זָא בֶּעשֶׁעפְטִיגְט, דָאס אִיך פֶערְגֶעס זָאגַאר צוּ עֶסֶען אוּנ צוּ טְרִינְקֶען.

אַלְזָא מַיינֶע טְהַייעֶרֶע בְּרוֹיכְסְט נִיט בֶּעזָארְגְט צוּ זַיין, מִיר הָאט בֶּעהִיטֶע נָאט קַיין אוּנְגְלִיק פַּאסִירְט, אִיך בִּין פָאלְקָאמֶען גֶעזוּנְד אוּנ פֶערְדִין בִּיסְלִיך גֶעלְד, אִיך הָאבּ אוֹיך גוּטֶע אוֹיסְזִיכְטֶען אוֹיף בֶּעסֶערֶע צֵייטֶען.

קִינְפְטִיגֶע וָואך גְלוֹיבּ אִיך, וֶועל אִיך דִיר קָאנֶען גֶעלְד אַרוֹיסְשִׁיקֶען, וִויפִיעל וֵוייס אִיך נָאך נִיט, אַלֶענְפַאלְס וֶועל אִיך מִיך בֶּעמִיהֶען דִיר וָואס מֶעהר גֶעלְד צוּשִׁיקֶען.

דוּא פְרֶעגְסְט אוֹיבּ אִין מַיין בְּרוּסְט בְּרֶענְט נָאך אַפוּנְק לִיעבֶּע צוּ דִיר, אוֹיבּ אִין מַיין הֶערְץ אִיז נָאך פַארַאן עֶטְוָואס מִיטְלַייד צוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער? דוּא וֶועסְט מִיר פֶערְצַייהֶען לִיעבֶּע חַנָה וֶוען אִיך וֶועל דִיר זָאגֶען אַז דָאס אִיז אַיינֶע דוּמֶע פְרַאגֶע, הָאסְט דוּא זִיך נָאך נִיט גֶענוּג אִיבֶּערְצַייגְט אִין דֶעם אַז אִיך בִּין דִיר אַגֶעטְרַייעֶר מַאן אוּנ אַצֶערְטְלִיכֶער פָאטֶער צוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער? דֶענְק וַוייטֶער נִיט וֶועגֶען מִיר זָאלְכֶע זַאכֶען, אִיך קָאן דִיר טְרַייהֶערְצִיג פֶערְזִיכֶערְן אַז אִיך בִּין גֶעוֶועזֶען, בִּין יֶעצְט אוּנ וֶועל אִימֶער פֶערְבְּלַייבֶּען אַייעֶר גֶעטְרַייעֶר מַאן אוּנ פָאטֶער...

(שמרם בר״ש)

23.

וויטער אנדערש.

ליעבע פרויא!

וויא איבערראשט דיינע ווארטען פון דיין לעצטען בריעף האבען מיך, דוא האסט אויסגעפונען אז איך בין פויל צום שרייבען אונ איך זארג ניט פאר מיין פאמיליע, דארום שיק איך דיר קיין געלד אום דוא מיט אונזערע קינדער זאלען ניט דארפען מאנגעל ליידען.

אזויא וויא דוא וועל איך יעצט אויסשרייען: מיין גאטט? וויא אזויא קאן דאס אפרויא ביא זיך רעכט מאכען איהר מאן זא ווייט, זא שענדליך צובעשולדיגען? גלויבסט דוא ווירקליך אז איך קאן מיט אפעטיט עסען ווען איך וויים אז דוא מיט אונזערע קינדער הונגערין? גלויבסט דוא אז ביא מיר איז רעכט צו לעבען אין אלע פערגעניגען וועהרענד מיין וייב מיט מיינע קינדער שמאכטען אין הונגער? א! דאס איז שוין צופיעל, צו גרויזאם פון דיינער זייטע, ווארום זאלסט דוא בעסער ניט קלערען פיעלייכט געהט דיין מאן ארום אהונגעריגער אונ האט ניט וואו אנאכט איבער צונעכטיגען? ווארום פאלט דיר ניט איין דער געדאנק פיעלייכט שרייב איך דיר ניט ווייל איך האב ניט דיא עטליכע קאפייקען אויף אפאסט-מארקע? דוא פערשטעהסט מיינע געטרייע פרויא? איך האב דיר דאס ביז אהער ניט געוואלט בענאכריכטען, ווייל איך קען זיך ניט בעסער מאכען, דאדורך וואס איך וועל דיין ביטער לעבען נאך מעהר פערביטערען דורך מיינע ליידען, דוא האסט מיך אבער געצוואונגען דאצו איך זאל ריידען אונ איך האב גירעדט.

יא, איך האב יעצט גירעדט נאך מעהר אלס איך האב בע-דארפט. אוים ערגערניש האב איך דיך אין קיין הינזיכט געשוינט.

(שמר'ס בר"ש).

איך וויל דאס צוריק האפען אבער יעצט גראדע בין איך פויל אנ'-אנדער בריעף אנצושרייבען, ווייל איך מוז אוועקגעהען צו איין מאן וועלכער האט מיר ארבייט פערשפראכען. עס קאן זיין אז קומענדיג פון דיעזען מאן וועל איך ביי א אבעסערע לוינע זיין אונ דאן וועל איך דיר אבעסערען בריעף שרייבען. גאט איז מיין עדות אז איך וויל דיר נור גוטע בריעף שרייבען, איך וועל מיין לעבען אויפאפפערין אום דיא לאגע פון מיין פרויא אונד קינדער צו פערבעסערן, אבער ווען דאס אונגליק פערפאלגט אמענשען אויף שריט אונ טריט, קאן ער זיך גאר ניט העלפען.

איך בעט פאן דיר פארלויפיג נור איין זאך: בעשולדיג ניט אומזאנסט דיין אונגליקליכען מאן, זאל מיר נור גאט העלפען, וועסט דוא זעהען אז דוא האסט אין מיר אגרויסען, זעהער אגרויסען אירטהום געהאט. ענטשולדיג מיר וואס איך האב זא שארף גע-רעדט אזויא וויא איך ענטשולדיג דיר פאר דיינע שארפע ווארטען.

איך פערבלייב דיין געטרייער מאן וואס שטרעבט זיך נור צו איין ציעל דיך מיט אונזערע קינדער גליקליך צו מאכען...

24.

בריעף פון פריינדע.

פינסק 13 טען סיון שנת תרנ"ח.

בעסטער פריינד! ...

איך קאמע דער ערשטער צו ערפילען דיא פערשפרעכונג וואס מיר האבען זיך געגענזייטיג געגעבען בעפאר דוא ביזט פון מיר אוועקגעפאהרען, אז מיר זאלען זיך אויך פון ווייטען דורך ריידען דורך בריעף.

איך מוז דיר זאגען מיין ליעבער פריינד, דאס זייט דוא ביזט אוועקגעפאהרען, פיהל איך מיך זעהער אונמוטהיג; דוא ווייסט

זעהער גוט אַז צְווישֶׁען אַלֶע מַיינֶע יוּגֶענְד פְרַיינְדֶע בִּיזְט דוּא דֶער אַיינְצִיגֶער וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְצֶעס צוּטְרוֹיֶען גֶעשֶׁענְקט, נוּר מִיט דִיר הָאבּ אִיךְ פֶערְגֶענִיגֶען גֶעהַאט צוּ פֶערְבְּרֵיינְגֶען וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פֶעסְט אִיבֶּערְצֵיינְגט אִין דַיין טְרַייהַייט צוּ מִיר, יֶעצְט פִיהל אִיךְ מִיךְ וִויא פֶערְלַאסֶען, וִויא אֵיינְזַאם. אַךְ וִויא וָואלְט אִיךְ מִיךְ עֶרְקְוִויקְט וֶוען אִיךְ זָאל מִיט דִיר קָאנֶען הָאטְשׁ אֵיין שְׁטוּנְדֶע פֶערְבְּרֵיינְגֶען, הֶערֶען דֵיינֶע קְלוּגֶע וָוארְטֶען, דֵיינֶע שֵׁיינֶע לִיעדֶער אוּנ דַיין מוּנְטֶערֶעס לַאכֶען.

מַיין אֵיינְצִיגֶע טְרוֹיסְט. אִין מַיין עֶלֶענְד אִיז דָאס וָואס דוּא בִּיזְט נִיט עֶלֶענְד, דוּא הָאסְט יֶעצְט אַלִיעבֶּע גֶעטְרַייֶע פְרוֹיא וֶועלְכֶע פֶערְזִיסְט דִיר דַיינֶע שְׁטוּנְדֶען, דוּא הָאסְט גֶעוִויס אִין דֶער נַייֶער שְׁטָאדְט וָואס דוּא בֶּעפִינְדֶעסְט זִיךְ יֶעצְט נַייֶע גוּטֶע פְרַיינְדֶע גֶעפוּנֶען אוּנ צְווִישֶׁען זַייא אִיז דִיר גֶעוִויס נִיט אוּנְמוּטְהִיג.

אִיךְ פִירְכְטֶע נוּר פִיר אֵיין זַאךְ אַז דִיא פְרַיינְדְשַׁאפְט פוּן דֵיינֶע נַייֶע פְרַיינְדֶע זָאלֶען פוּן דִיר נִיט פֶערְדְרָאנְגֶען דִיא פְרַיינְדְשַׁאפְט וָואס דוּא הָאסְט בִּיז אַהֶער גֶעטְרָאגֶען צוּ דַיינֶען אַלְטֶען בֶּעסְטֶען פְרַיינְד. אָבֶּער נֵיין! לוֹיט אִיךְ קָאן דַיין גוּטֶעס רֵיינֶעס הֶערְץ, לוֹיט אִיךְ קָאן דַיין עֶהרְלִיכְקֵייט וֵויים אִיךְ אַז אִימֶער וֶועט זִיךְ אִין דַיין בְּרוּסְט גֶעפִינֶען אַשְׁטִיקֶעל פְּלַאטְץ פַאר דַיין בֶּעסְטֶען יוּגֶענְד פְרַיינְד, וֶועלְכֶער עֶרְוַוארְטֶעט פוּן דִיר צוּ הֶערֶען דִיא בֶּעסְטֶע נַאכְרִיכְט.

אפרים בלום.

25.

אַנְטְוָוארְט.

קיעוו ג׳ שלח שנת תרנ״ח.

מַיין לִיעבֶּער אֶפְרַיִם!

מִיךְ וואוּנְדֶערְט נָאר נִיט וָואס דוּא פִיהלְסְט זִיךְ נָאךְ מַיין

(שמר'ס בר"ע)

אוועקפאהר עלענד אונ איינזאם אין דיין געבורטסשטאדט, דען אויך איך אבוואהל, וויא דוא האסט זיך אויסגעדריקט, איך האב יעצט אליעבע געטרייע פרויא וועלכע פערזיסט מיר מיינע שטונדען, איך האב אויך פיעלע נייע גוטע ברידער מיט וועלכע איך קאן דיא צייט זעהער פערגעניגט פערברייגגען, אויך איך פיהל מיך ניט גאנץ גליקליך ביא דעם געדאנק דאס דוא מיין בעסטער פריינד קאנסט מיט מיר מיין גליק ניט טהיילען. איך וואלט אויך יעצט בעססער מיט דיר איינעם דיא צייט פערבראכט אלס מיט אלע מיינע נייע פריינדע. דאס איז גאר קיין וואונדער וואס מיר בענקען איינער נאך דעם צווייטען, פאן אינזער פריהסטער יוגענד אן זיינען מיר בייזאמען גיוועזען, אין איין חדר גילערענט, צוזאמען זיך געבילדעט, ביידע זיינען מיר פערפאלגט געווארען פון אונזערע פאנאטיקער דאפיר וואס מיר האבען זיך ערלויבט אביסעל פרייער צו אטהעמען, אונזער גאנצע יוגענד האבען מיר צוזאמען געטהיילט פרייד אונ לייד אונ זאלכע עראינערונגען קאנען קיין מאל פערגעסען ווערען.

איך דאנק דיר זעהער ערשטענס דאפיר, וואס דוא האסט דיין פערשפרעכען ניט פערגעסען אונ האסט מיר מיט דיין בריעף בעעהרט, צווייטענס דערפאר וואס דוא האסט דאס צוטרויען אין מיר ניט פערלארען אונ דוא גלויבסט אז אימער ווערט זיך אין מיין ברוסט געפינען אשטיקעל פלאטץ פאר דיר. יא, איך גיעב דיר מיין עהרענווארט אז קיין מאל וועל איך דיך פערגעסען, ביז מיין לעצטער שטונדע וועל איך דיך אלס מיין בעסטען פריינד בעטראכטען.

דוא ביזט נייגעריג צו וויסען וויא מיר געהט אין דער נייער שטאדט וואו איך וואהן יעצט, זאג איך דיר אז מיר געהט זעהער גוט, איך פיהל מיך מיט מיין ליעבע פרויא זעהער גליקליך, זיא ליעבט מיך זא שטארק וויא איך ליעב זיא, מיר האבען אימער פרעהליכע געזעלשאפט אונ ווען דוא זאלסט נאך דא זיין, וואלט מיין גליקליכער פיעל גיוועזען.

(שמר׳ס בר״ט)

דוא קאָנְסְט זִיכֶער זַיין אַז איך פון מַיינֶער זַייטֶע וֶועל מִיך נִיט פוּילֶען דִיר אָפְּט צוּשְׁרַייבֶּען אונ איך הָאף אַז אוֹיךְ דוּא וֶועסְט טָאהן אַזוֹיא וִויא אִיךְ, דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד וָואס דֶערְמָאנְט דִיךְ יֶעדֶען טָאג

אלבערט שטרויס.

26.

בְּלוּם צוּ שְׁטְרוֹיסְ׳ן.

פינסק 5 טען תמוז שנת תרנ״ח.

לִיעבֶּער שְׁטרוֹיס!

וִויא אִיךְ זֶעה הוֹיבְּסְט דוּא בִּיסְלִיךְ וַייס אָן צוּפֶערְגֶעסֶען דַיין יוּגֶענְדְפְרַיינְד אֶפְרַיִם בְּלוּם. דִיא עֶרְשְׁטֶע צַייט פְלֶעגְסְט דוּא פִּינְקְטְלִיךְ הִיטֶען דִיא צַייט מִיר צוּשְׁרַייבֶּען אונ מִיךְ עֶרְפְרֵייעֶן מִיט דַיינֶע זִיסֶע וָוארְטֶען, אָבֶּער אִין דֶער לֶעצְטֶער צַייט פֶערְגֶעהֶען וָואכֶען אָהנֶע דָאס דוּא לָאזְט פוּן זִיךְ הֶערֶען. דוּא זָאלְסְט מִיר צְוַייא מָאנַאטֶען קַיין בְּרִיעף שְׁרַייבֶּען, דָאס וָואלְט אִיךְ נִימַאלְס גֶעגְלוֹיבְּט, לַיידֶער אָבֶּער מוּז אִיךְ דָאס גְלוֹיבֶּען וַוייל דָאס אִיז אַטְהַאטְזַאכֶע. מָאנְסְט אוֹיף מִיר צָארְנִיג זַיין, דִיךְ מָאג שְׁטַארְק פֶערְדְרִיכֶען אונ אִיךְ מוּז דִיר אָפֶען זָאגֶען אַז פוּן דִיר אִיז דָאס זֶעהֶער נִיט שֵׁיין אונ נִיט אָרְדֶענְטְלִיךְ, דוּא בֶּעגֶעהְסְט אֵיינֶע גְרָאסֶע זִינְדֶע.

אִיבֶּערִיגֶענְס מוּז אִיךְ דִיר דִיעזֶע זִינְדֶע פֶערְצַייהֶען דֶען אִיךְ קָאן אוֹיף דִיר אִין כַּעַס נִיט זַיין; אַזוֹיא וִויא פְרִיהֶער לִיעבּ אִיךְ דִיךְ, אַזוֹיא וִויא אַמָאל צִיהט מִיךְ צוּ דִיר אונ אִיךְ וָואלְט דוּכְט זִיךְ אַהַאלְבּ לֶעבֶּען אָבְּגֶעגֶעבֶּען אִיךְ זָאל דִיךְ קָאנֶען זֶעהֶען.

פֶערְגֶעס נִיט לִיעבֶּער פְרַיינְד אוּנְזֶערֶע יוּנְגֶע יָאהרֶען, פֶערְגֶעס נִיט אוּנְזֶער אַלְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט, גֶעדֶענְק דָאס פֶערְשְׁפְּרֶעכֶען וָואס דוּא הָאסְט מִיר פַאר דַיין אַבְשִׁיעד גֶעגֶעבֶּען.

(שמר׳ס נר״ש)

איך הָאבּ גיהֶערְט אַז דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶע גֶעהֶען וֶועהָער גוּט, דָאס פְרֶעהט מִיךְ. אִיךְ ווינְשׁ דִיר דוּא זָאלְכְט אִין אַלֶע דַיינֶע אוּנְטֶערְנֶעהמוּנְגֶען גְלִיק פִינְדֶען.

וָואס מִיךְ אַנְבֶּעלַאנְגְט, הָאבּ אִיךְ לַיידֶער קֵיינֶע גוּטֶע נַייעֶס דִיר צוּ בֶּענַאכְרִיכְטֶען. מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶע גֶעהֶען וֶועהֶער שְׁלֶעכְט. אִיךְ הָאבּ פִּיעל גֶעלְד פֶערְלָארֶען, אָבֶער אִיךְ הָאף אַז דָאס רֶעדֶעל וָועט זִיךְ אִיבֶּער־דְרֶעהֶען אוּנ גַאנְץ גִיךְ וָועסְט דוּא הֶערֶען גוּטֶע נייעֶס פוּן דַיין עֶווינֶגֶען פְרַיינְד

אפרים בלום.

27.

קיעוו 15 טען תמוז שנת תרנ"ח.

אַנְטְוָוארְט.

מַיין אַלְטֶער פְרַיינְד!

דוּא בֶּעשׁוּלְדִינְסְט מִיךְ אוּמְזָאנְסְט אַז אִיךְ הָאבּ דִיר פֶּערְגֶעסֶען, גְלוֹיבּ מִיר לִיעבֶּער אֶפְרַיִם אַז אוֹיךְ יֶעצְט דֶערְמָאן אִיךְ דִיךְ וֶועהֶער אָפְט. אָבֶער וָואס קָאן אִיךְ טָאהן? דִיא גִישֶׁעפְטֶע עֶרְלוֹיבֶּען מִיךְ נִיכְט דִיא צַייט מִיט גְרוֹיסֶע לַאנְגֶע בְּרִיעפֶע צוּ פֶּערְנֶעהמֶען. דֶעם גַאנְצֶען טָאג בִּין אִיךְ אִין גֶעשֶׁעפְט אוּנ וֶוען אִיךְ קוּם בַּייא נַאכְט אַהֵיים, פַאל אִיךְ קְרַאפְטְלָאז אִין מַיין בֶּעט אוּם זִיךְ אוֹיסְצוּרוּהֶען, גַאנְץ פְּרִיה מוּז אִיךְ צוּרִיק אִין גֶעשֶׁעפְט לוֹיפֶען אוּנ אַזוֹיא פֶּערְנֶעהֶען דִיא טֶעג אִין טוּמֶעל אוּנ אִין אַרְבַּייט. מִיךְ קְרַיינְקְט וֶועהֶער וָואס דִיר גֶעהט דִיא צַייט נִיט גוּט, אָבֶער זָארְג נִיט מַיין פְּרַיינְד! בַּייא מִיר הָאט זִיךְ אוֹיךְ זָאלְכֶע פֶעלֶע גֶעמַאכְט, דָאס אִיךְ הָאבּ דֶערְלַייגְט פִיעל גֶעלְד, נַאכְהֶער הָאט זִיךְ דָאס רֶעדֶעל אַדְרֶעה גֶעטָאהן אוּנ עֶס אִיז אָבֶּערְמַאלְס גוּט גֶעוָוארֶען.

מַיינֶע פְרוֹיא מִיט מַיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ גְרִיסֶען דִיךְ מִיט דַיין

(שׁכר'ס בר"ש)

פֿאַמיליע װעהער הערצליך. איך בין געװען און פֿערבלײב דײן בעסטער פֿרײנד

אלבערט שטרױס.

28.

פון בלום׳ן צו שטרױס׳ן.

קיעװ 24 טען יולי 1898.

װערטהער פֿרײנד!

איך רוף דיך יעצט אן „װערטהער פֿרײנד״ ניט װיא אַמאָל מײן „בעסטער פֿרײנד״, װײל גאַנץ אײנפֿאַך איך װאָג עס ניט, אַמאָל זײנען מיר געװען גלײכע מענשען, גלײכע גוטע ברידער. אָבער הײנט ביזט דוא דער רײכער אַלבערט שטרױס װאָס פֿיעלע מענשען שטעהען פֿאר איהם אָהן היטלען, און איך בין דער אַרמער אֶפֿרים בלום, אַקרעמער׳ל אין אַקלײן שטעדטעל, אַמענשעל װאָס דאַנקט גאָט װען ער פֿערדינט גענוג ברױט, זײן װײב מיט זײנע קינדער צו ערנעהרען.

עס איז דארום קײן װאונדער װאָס מיר האָבען אױפֿגעהערט צו קאָרעספּאָנדיר׳ען. עס איז פֿיעלײכט פֿון מיר אַדומהײט װאָס איך שרײב דיר יעצט אַבריעף, דען איך האָב נאָך קײן אַנטװאָרט ערהאַלטען אױף מײנע ערשטע בריעף, עס קאָן אױך זײן אַז דיך װעט שטאַרק פֿערדריסען װאָס איך שרײב צו דיר „דוא״ און ניט „איהר״, אָבער װאָס קאָן איך טאָהן, עס טרײבט מיך צום שרײב־טיש, עס צװינגט מיך איך זאָל צו דיר שרײבען, עפּעס װײזט מיר נאָך אום אַז דוא ביזט יעצט אױך מײן נוטער ליעבער פֿרײנד שטרױס, מיט װעלכען איך האָב צוזאַמען געלערענט, צוזאַמען ספּאַציערט און אין אײנעם מײנע שענסטע פֿריהלינגס־טעג פֿערבראַכט.

(עמר׳ס בר״ש)

יַא, דוּא בִּיזְט עֶס, אִיךְ קָאן נִיט גְלוֹיבֶּען דָאס דוּא הָאסְט מִיךְ גֶענְצְלִיךְ פוּן דַיין הֶערְצֶען פֶערְיָאגְט, אִיךְ קָאן נִיט גְלוֹיבֶּען אַז דוּא הָאסְט מִיךְ אִין גַאנְצֶען פֶערְגֶעסֶען. וָוען דוּא וֶועסְט מִיר אוֹיף דִיעזֶען בְּרִיעף עֶנְטְפֶערֶען, וֶועל אִיךְ וִויסֶען אַז אִיךְ הָאבּ אִין דִיר קַיין אִירְטְהוּם גֶעהַאבְּט. וָועל אִיךְ אָבֶּער אוֹיךְ דִיעס מָאל פוּן דִיר קַיין אַנְטְוָוארְט הָאבֶּען דַאן וֶועל אִיךְ פֶערְשְׁטֶעהֶען אַז אִיךְ דַארְף מֶעהר צוּ דִיר נִיט שְׁרַייבֶּען. מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער אוּנְגֶעדוּלְד עֶרְוַוארְטֶעט דַיין בְּרִיעף דֶער אַרְמֶער

אפרים בלום.

P. S. וָוען דוּא וֶועסְט זִיךְ נִיט גֶעפִינֶען בֶּעלֵיידִיגְט, גִיעבּ אִיבֶּער מַיין גֶערוּס דַייגֶער פְרוֹיא אוּנ דַייגֶע קִינְדֶער.

29.

אַנְטְוָוארְט.

פינסק 7 טען אווגוסט 1898.

מַיין גוּטֶער לִיעבֶּער פְרַיינְד!

נַיין! דוּא קָאנְסְט גָאר קַיין בֶּעגְרִיעף הָאבֶּען וִויא דוּא הָאסְט מִיךְ מִיט דַיין לֶעצְטֶען בְּרִיעף בֶּעלֵיידִיגְט, אִיךְ מוּז דִיר דִיא וַואהְרְהַייט זָאגֶען אַז וֶוען אִיךְ זָאל נִיט קָאנֶען דַיין הַאנְדְשְׁרִיפְט וָואלְט אִיךְ נִיט גֶעגְלוֹיבְּט אַז דוּא הָאסְט דִיעזֶען בְּרִיעף גֶעשְׁרִיעבֶּען. וִויא? דוּא הַאלְסְט מִיךְ זָא נִיעדֶערִיג דָאס וַוייל אִיךְ שְׁפִּיעל אַגְרוֹיסֶע רָאלְיָע דֶערְפַאר וִויל אִיךְ מֶעהר נִיט דֶענְקֶען אַן מַיין בֶּעסְטֶען יוּגֶענְד פְרַיינְד?! דוּא פֶערְשְׁטֶעהסְט וָואס פַאר אַבֶּעלֵיידִיגוּנְג דָאס אִיז פַאר מִיר, אָנְשְׁטָאדְט דֶעם וָואס דוּא הָאסְט זִיךְ בִּיז אַהֶער גֶעפִיהְלְט אַלְס דֶער בֶּעלֵיידִיגְטֶער אוּנ מִיךְ הָאסְט דוּא אַלְס זִינְדֶער בֶּעטְרַאכְט, בֶּעטְרַאכְט אִיךְ דִיךְ יֶעצְט אַלְס פֶערְבְּרֶעכֶער גֶעגֶען מִיר, דוּא הָאסְט יֶעצְט אֵייגֶע אוּנְפֶערְצֵייהְלִיכֶע זִינְדֶע בֶּעגַאנְגֶען.

(שמר'ס בריש)

אָבֶּער אִיךְ ווִיל זָאגֶען, ווִיא דוּא הָאסְט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אִין אֵיינֶעם פוּן דַיינֶע עֶרְשְׁטֶע בְּרִיעפֶע: „אִיךְ קָאן אוֹיף דִיר צָארְנִיג נִיט זַיין” אוּנ דַארוּם מוּז אִיךְ אוֹיךְ דִיר דִיעזֶע זִינְדֶע פֶערְצַייהֶען.

דוּא זֶעהסְט הָאטְשׁ אֶפְּרַיִם אַז אִיךְ גֶעדֶענְק דָאס ווָאס דוּא הָאסְט מִיר אִין דַיינֶע עֶרְשְׁטֶע בְּרִיעף גֶעשְׁרִיעבֶּען, דָאס ווֶעט דִיר דִינֶען אַלְס בֶּעווַייז אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִיט פֶערְגֶעסֶען. דָאס ווָאס דוּא בֶּעקְלָאגְסְט זִיךְ אוֹיף דֶעם ווָאס דוּא בִּיזְט אַנְ'אָרְמֶער קְרֶעמֶערְ'ל אִיז פוּן דִיר אַגְרוֹיס אוּנְרֶעכְט.

דוּא זָאלְסְט אִין דַיינֶע בִּיטֶערֶע שְׁטוּנְדֶען גֶעדֶענְקֶען אַז סַאנְכֶּעס מָאל לֶעבֶּען דִיא קְלֵיינֶע קְרֶעמֶערְלַאךְ פִּיעל רוּהִיגֶער אַלְס דִיא גְרוֹיסֶע פַאבְּרִיקַאנְטֶען. דוּא זָאלְסְט נִיט מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין זֶעהָער גְלִיקְלִיךְ מִיט דֶער גְרוֹיסֶער רָאלְיֶע ווָאס אִיךְ שְׁפִּיעל, גֶעווִיס הָאסְט דוּא גֶיהֶערְט פוּן דֶעם ווֶערְטֶעל „יֶעדֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקֶעל”. גְלוֹיבּ מִיר אַז עֶס גִיעבֶּען סָאמֶענְטֶע ווָאס אִיךְ בִּין מְקַנֵא דֶעם אַרְמְסְטֶען מֶענְשֶׁען ...

אַלְזָא, אִיךְ גְלוֹיבּ דָאס יֶעצְט זֶעהסְט דוּא שׁוֹין דֶעם אִירְטְהוּם ווָאס דוּא הָאסְט גֶעהַאט דֶענְקֶענְדִיג אַז אִיךְ בִּין בַּייא זִיךְ זָא שְׁטָאלְץ גֶעווָארֶען דָאס אִיךְ הָאבּ מֵיינֶע בֶּעסְטֶע פְּרֵיינְדֶע פֶערְגֶעסֶען. דָאס ווֶעט דִיר דִינֶען אַלְס ווַאהרֶער צֵייכֶען אַז אוֹיךְ יֶעצְט ווִיא פְרִיהָער אִיז דַיין בֶּעסְטֶער פְּרַיינְד.

אלבערט שטרויס.

30.

בְּלוּם צוּ שְׁטְרוֹיסְ'ן.

קיעוו 22 מען אווגוסט 1898.

אֵיינְצִיגֶער פְּרַיינְד!

מִיט דֶעם אוֹיסְדְרִיק „אֵיינְצִיגֶער פְּרַיינְד” בֶּענוּטְץ אִיךְ מִיךְ יֶעצְט צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל, ווַייל דוּא בִּיזְט דֶער אֵיינְצִיגֶער מֶענְשׁ

אין דער וועלט צו וועלכען איך קאן מיך יעצט אין מיין גרויסען נאטה אום הילפע ווענדען. וואס פאר אשרעקליכער אויסדריק עס איז „זיך אום הילפע צו ווענדען". אונזער פאעטישער קעניג דוד האט נאך מיט טויזענדער יאהר צוריק געזאגט: „טוב לחסות בה' מבטוח בנדיבים". עס איז בעסער צו זוכען שוטץ ביי גאטט אלס ביי דיא עדעלסטע מענשען, דיא פראקטיק בעווייזט אונז אויף שריט אונ טריט אז דעם בעסטען פריינד, דעם בעסטען מענשען פאלט מאן צו לאסט ווען מאן ווענדעט זיך צו איהם אום הילפע. אבער ווען דיא וואסער דערלאנגט ביז צום האלז, דאן בלייבט קיין אנדער מיטעל וויא זיך אום רעטונג צו אנ׳אנדערן צו ווענדען. יא פריינד, איך בין יעצט אין דער לאגע פון יענעם אונגליקליכען וואס שטעהט ביז צום האלז אין וואסער אונ קאן זיך פאר קיין פאל רעטען. אלע מיינע בעקאנטע אונ פריינדע זעהען מיינע ליידען אבער זייא מאכען זיך ניט זעהענדיג, דארום מוז איך מיך צו דיר, מיין איינציגער פריינד, ווענדען מיט דער פיטע: האב מיטלייד אונ רעטע מיך.

מיין פעדער איז ניט אין שטאנד דיר מיין ביטערע לאגע צו בעשרייבען, מיין געשעפט איז רואינירט, דיא ארמוטה מיט איהרע גאנצע שרעקליכקייט האט אין מיין הויז אריינגעדרונגען אונ ···· יא, איך מוז דיר דיא וואהרהייט זאגען—מיין פאמיליע ליידעט הונגער. דוא הערסט אלבערט? דיין יוגענד פריינד מיט זיין ווייב אונ קינדער ליידען הונגער ··· ווען אויך דוא וועסט זיך מאכען ניט הערענדיג מיינע ווארטען, דאן ווייס גאטט וואס פון אונז וועט ווערען.

אלבערט! איך בעשווערע דיר ביי אלעס וואס הייליג איז, דוא זאלסט טאהן אלעס וואס דוא קאנסט אונז צו רעטען. איך פערלאנג בעהיטע גאטט פון דיר קיין נדבה, איך וויל בלויס דוא זאלסט מיר לייהען וויפיעל דוא קאנסט אום איך זאל מיך קאנען צוריק אויף דיא פיס שטעלען, איך בין נאך יונג אונ פעהיג

זִיךְ צוּרִיק אַרוֹיפְצוּאַרְבַּייטֶען, אִיךְ קָאן נָאךְ אָבֶּערְמַאלְס גְלִיקְלִיךְ זַיין אוּנ דַיין גֶעלְד וֶועל אִיךְ דִיר מִיט דֶעם וַוארְמְסְטֶען דַאנְק צוּרִיק אָפְּגֶעבֶּען.

אִיךְ הָאף דָאס דוּא מַיין אֵיינְצִיגֶער פְרַיינְד, וֶועסְט נִיט וַוארְטֶען בִּיז אִיךְ וֶועל טִיעפֶער זֶענְקֶען אוּנ וֶועסְט אַם שְׁנֶעלְסְטֶען דַיין רֶעטֶענְדֶע הַאנְד אוֹיסְשְׁטְרֶעקֶען, צוּ הֶעלְפֶען דַיינֶען אַרְמֶען אוּנְגְלִיקְלִיכֶען פְרַיינְד

אפרים בלום.

31.

אַנְטְוָוארְט.

פינסק 10 טען סענטיאבר 1898.

מַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶער אֶפְרַיִם!

טְרֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען גֶעגָאסֶען לֶעזֶענְדִיג דַיין בְּרִיעף. דוּא, מַיין לִיעבֶּער פְרַיינְד, בֶּעפִינְדֶעסְט זִיךְ אִין אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע לַאגֶע, דוּא מִיט דַיין פַאמִילְיֶע לַיידֶען הוּנְגֶער אוּנ דוּא הָאסְט מִיר דַאפָאן בִּיז יֶעצְט נִיט גֶעמֶעלְדֶעט? אִיךְ מוּז דִיר זָאגֶען פְרַיינְד דָאס דוּא הָאסְט דַאפִיר אֵיינֶע גְרָאסֶע שְׁטְרַאפֶע פֶערְדִינְט, דוּא הָאסְט בֶּעדַארְפְט פְרִיהֶער וִויסֶען אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ קֵיין מָאל עֶנְטְזַאגֶען דִיר אִין אַ נָאטְה-פַאל צוּ הֶעלְפֶען.

בֶּעשְׁטֶעהט דֶען דִיא פְרַיינְדְשַׁאפְט בְּלוֹיס אוֹיף זִיסֶע וָוארְטֶען אוּנ פּוּסְטֶע פְרַאזֶען? אָ נֵיין! פְרַיינְדֶע זַיינֶען נוּר דַאן פְרַיינְדֶע וֶוען זֵייא טְהֵיילֶען צוּזַאמֶען לֵייד אַזוֹיא וִויא פְרֵייד. דָאס אִיז אוֹיךְ אַנְ׳אַלְט וָוארְט אַז „דֶעם פְרַיינְד עֶרְקֶענְט מַאן נוּר אִין דֶער נוֹיט״.

דוּא זָאלְסְט דָאס נִיט בֶּעטְרַאכְטֶען פַאר אַטוֹבָה וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר יֶעצְט אַנְ׳אָנְוַוייזוּנְג אוֹיף דֶער סוּמֶע פוּן ··· עֶרְשְׁטֶענְס

איז דָאס בְּלוֹיס אַגְמִילוּת חֶסֶד. אִיךְ וֵייס בֶּעשְׁטִימְט, אַז וִויא בַּאלְד נָאט וֶועט דִיר הָעלְפֶען וֶועסְט דוּא דָאס מִיר בַּאלְד אָבְּגֶעבֶּען. צְווייטֶענְס, בֶּעטְרַאכְטֶע אִיךְ דָאס אַלְס מַיין הֵיילִיגֶע פְּפְלִיכְט דִיךְ פוּן דַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער לַאגֶע צוּ בֶּעפְרַייעֶן.

אִיךְ ווינְשׁ דִיר לִיעבֶּער פְרַיינְד פִּיעל גְלִיק, נִיט גֶעזָארְגְט! דוּ וֶועסְט זֶעהְן וִויא גָאטט וֶועט דִיר נָאךְ הֶעלְפֶען אוּנ דוּא וֶועסְט אָן אַלֶע דַיינֶע יֶעצְטִיגֶע צָרוֹת פֶערְגֶעסֶען. מַיין בֶּעסְטֶען גְערוּס דַיינֶער פְרוֹיא מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, זָאג זַייא אַז אִיךְ בִּין אִימֶער פֶערְטִיג זַייא צוּ דִינֶען. יַא, אִימֶער וֶועל אִיךְ זַייעֶר אוּנ דַיין פְרַיינְד פֶערְבְּלַייבֶען.

אלבערט שטרויס.

גְרַאטוּלַאצְיָאנֶען.

32.

יום ה׳ כ״ה תשרי תרנ״ח ביאליסטאק.

וֶוערְטְהֶער פְרַיינְד!

דוּא הָאסְט מִיךְ שְׁטַארְק עֶרְפְרֶייעֶט מִיט דֶער גוּטֶער נַאכְרִיכְט דָאס דוּא הָאסְט גֶעפוּנֶען זָא אַיינֶע לֶעבֶּענְס-בֶּעגְלֵייטֶערִין וִויא דוּא הָאסְט זִיךְ אִימֶער גֶעוואוּנְשֶׁען. גָאט זָאל דִיעזֶען בּוּנְד מִיט זַיין זֶעגֶען בֶּעפֶעסְטִיגֶען! אִיךְ ווינְשֶׁע דִיר פָאן טִיעפֶען הֶערְצֶען אַז דָאס גְלִיק זָאל דִיךְ מִיט דַיינֶער בְּרוֹיט אִימֶער אוּנ עֶווִיג בֶּעגְלַייטֶען.

אִיךְ צְווַייפְלֶע נִיט דָאס אוֹיף זָא אַיינֶען זֶעגֶען וָואס גֶעהט אַרוֹיס פוּן זָא אַיינֶען פְרַיינְד וִויא אִיךְ בִּין, וֶועט דֶער וֶועלְטְפִיהְרֶער זַיין „אָמֵן" עֶנְטְפֶערֶען אוּנ אִיךְ וֶועל אִימֶער דָאס גְלִיק הָאבֶּען צוּ הֶערֶען דָאס דוּא בִּיזְט מִיט דַיין צְווייטֶער הָעלְפְט הֶעכְסְט גְלִיקְלִיךְ.

אַכְטוּנְגְסְפָאל דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד....

(שבר׳ם גר״ש)

33.
אַנְדֶערְשׁ.

לִיעבֶּער פְּרַיינְד!

דיין אַיינְלַאדוּנְג צוּ דַיין הָאכְצַייט הָאבּ איך הַייטֶע עֶרְ־הַאלְטֶען. לַיידֶער אִיזְט עֶס מִיר אוּנְמֶעגְלִיךְ דָאס פֶּערְגֶעניגֶען צוּ הָאבֶּען אוּנ אַנְטְהַייל גֶעהמֶען אִין דַיין פְּרַיידֶע, וַוייל אִיךְ בִּין זֶעהֶער בֶּעשֶׁעפְטִינְט, דַארוּם וֶועקְט דוּא מַיין פְּרַיינְד זִיךְ מוּזֶען בֶּעגְנִיגֶען מִיט דֶעם זֶעגֶען וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר. אוּנ דִיעזֶער זֶעגֶען וֶועט גֶעווִיס עֶרְפִילְלְט וֶוערֶען וַוייל עֶר גֶעהט אַרוֹיס פוּן מַיין טִיעפֶען הֶערְצֶען. אִיךְ ווִינְשׁ דִיר פְּרַיינְד דָאס וָואס דוּא אַלֵיין ווִינְשֶׁענְסְטְ דִיר, גְּעמְלִיךְ דוּא זָאלְסְט אוּנ דִיעזֶען עֶווִיגֶען בּוּנְד דָאס גְרֶעסְטֶע גְלִיק גֶעפִינֶען. לִיעבֶּע אוּנ טְרַייהַייט זָאל דִיךְ מִיט דַיינֶער לִיעבֶּער פְּרוֹיא אוֹיף עֶווִיג פֶּערְאַיינִיגֶען אוּנ אִיהר זָאלְט אַלְס מוּסְטֶער פוּן גְלִיק אוּנ פְרִיעדֶען פַאר דֶער וֶועלְט דִינֶען.

אִין דֶעם פְרֶעהלִיכֶען טָאג פָאן דַיין הָאכְצַייט, וֶועל אִיךְ נִיט פֶּערְגֶעסֶען בַּייא מִיר אִין הוֹיז אוֹיפְצוּהוֹיבֶען דֶעם בֶּעכֶער אוּנ טְרִינְקֶען פִיר דַיין אוּנ דַיין בְּרוֹיטְס גֶעזוּנְד אוּנ אָבְוָואהל דוּא וֶועסְט דָאן מַיין בְּרָכָה נִיט הֶערֶען, אָבֶער גָאטט וֶועט פוּן זִיא יַא הֶערֶען אוּנ עֶר וֶועט גֶעווִיס עֶרְפִילְלֶען דֶעם וואוּנְשׁ פוּן דַיין עֶווִיגֶען פְּרַיינְד....

34.
וַוייטֶער אַנְדֶערְשׁ.

בֶּעסְטֶער פְּרַיינְד!

נוּא גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט! אִיךְ קָאן דִיר עֶנְדְלִיךְ מַיין מַזָל טוֹב

(שמר'ס נר"ש)

שיקען צו דיין האכציית, דוא זאלסט, ליעבער פריינד, ניט פער־געסען אז דיעזען מזל טוב שיקט דיר איינער פון דיינע וואהרע בעסטע פריינדע. דיעזער מזל טוב ניהערט ניט צו יענע פאלשע ברכות וואס פיעלע מענשען אדער אונמענשען גיעבען ארויס פון זייערע ליפען נור וויא מאן זאגט פון יוצא װעגען. ניין מיין מזל טוב איז זעהער אנ׳ערנסטער, זעהער אריכטיגער אונ דערפאר גלויבע איך וועט ער דיר מיט דיינער פרויא ערךייכען, איהר וועט זיך עלטערן אין אגוטען מזל אונ וועט איינער מיט דעם צווייטען אימער זיך העכסט גליקליך פיהלען.

עס טוהט מיך זעהער לייד וואס איך האב ניט דיא מעגליכקייט פערזענליך אויף דיין האכציית צו זיין אונ דיר מונדליך מיין מזל טוב איבער צוגעבען, מיך קרענקט עס זעהער וואס איך קען ניט אויסלעדיגען איינינע בעכער אין דער געגענוואַרט פון אזא גליקליך פּאאר וויא דוא מיט דיין שעהנער ברויט זייט. אבער איך גלויב אז דוא וועסט פארלויפיג מיט דיעזען זעגען זיך בע־פריעדיגען אונ דיא פאלע בעכער וועל איך נאך צייט האבען שפעטער אין דיין הויז אויסצולעדיגען.

איך פערבלייב דיין גליקווינשענדער פריינד...

35.

צו אפאטער פון אנייגעבארענעם קינד.

קרעמענצוג 18 טען אקטיאבער 1898.

וועױרטער פריינד!

דוא האסט מיך נייא בעלעבט מיט דער גוטער נאכריכט, דאס דיינע ליעבע פ־ויא האט זיך אהנע שוועריגקייטען ענט־בונדען אונ האט דיר געשענקט אזאהן. דיעזער נייער וועלט־

בִּירְגֶער זָאל דִיר בְּרֵיינְגֶען פִּיעל גְלִיק אוּנ גָאטט זָאל אִיהם בֶּענְשְׁען עֶר זָאל זִיךְ אַלְס נוּטְצְלִיכֶער ווִיכְטִיגֶער מֶענְשׁ עֶרְצִיהֶען אם דוּא זָאלְסְט פוּן אִיהם אִימֶער פֶּערְגֶענִיגֶען אוּנ גְרוֹיס פְּרֵיידֶע הָאבֶּען. עֶר זָאל זַיין דֶער שְׁטָאלְץ פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

גִיעבּ אִיבֶּער מַיין הֶערְצְלִיכְסְטֶען גְלִיקְוואוּנְשׁ דַיינֶער פְרוֹיא, גִיעבּ אִיהר אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע בְּרָכוֹת, דֶען זַייא וֶועלִין גֶעוִויס אִיןְ עֶרְפִּיעלוּנְג קוּמֶען, ווַייל זַייא שִׁיקְט דִיר דַיין בֶּעסְטֶער פְּרֵיינְד

N. N.

36.

אַנְדֶערְשׁ.

מְהַייֶערֶער פְּרֵיינְד!

דַיין בְּרִיעף מִיט דֶער גוּטֶער נַאכְרִיכְט פָאן דֶעם נַייֶעם זָאהן וָואס גָאטט הָאט דִיר גֶעשֶׁענְקְט, הָאט אוּנְז אַלֶעמֶען אִיבֶּערְרַאשְׁט, אִיךְ אוּנ מַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע וַוארֶען הֶעכְסְט עֶרְפְרֵייעֶט אוּנ יֶעדֶער פוּן אוּנְז שִׁיקְט דִיר אַהֶערְצְלִיכֶען מַזָל טוֹב.

דִיא בְּרָכוֹת וָואס מֶענְשֶׁען גִיעבֶּען בַּייא אַזַא גֶעלֶעגֶענְהַייט דִיא עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם נַייגֶעבָּארֶענֶעם קִינְד זַיינֶען פֶערְשִׁיעדֶען אוּנ וָוען אִיךְ זָאל דוּכְט זִיךְ קָאנֶען דִיעזֶע אַלֶע בְּרָכוֹת צוּזַאמֶענְקְלַייבֶּען אוּנ זַייא דִיר אַרֵיינְשִׁיקֶען וָואלְט אִיךְ דָאס גֶעוִויס גֶעטָּאהן אוּנ וַוייל מִיר אִיז דָאס אוּנְמֶעגְלִיךְ שִׁיק אִיךְ דִיר פוּן מַיינֶער זַייטֶע אַיין הֶערְצְלִיכֶען זֶעגֶען, גֶעמְלִיךְ: „דַיין זָאהן זָאל זַיין דָאס וָואס דוּא ווִילְסְט פוּן אִיהם מַאכֶען".

אִיךְ גְלוֹיבּ אַז אִין דִיעזֶען קְלֵיינֶעם זֶעגֶען קָאן מַאן גֶעפִינֶען אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דִיא בֶּעסְטֶע אוּנ מְרַייֶערְטֶע פְּרֵיינְדֶע זַייגֶען אִיךְ שְׁטַאנְדֶע צוּ עֶרְפִינְדֶען.

(שמר״ס בר״ש)

איך עֶרְוואַרְטֶע אִימֶער פוּן דיר נור גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת צוּ הֶערֶען אוּנ דַאמִיט פֶערְבְּלַייבֶּע אִיךְ דַיין גֶעטְרֶייעֶר פְרַיינְד

N. N.

37.

וַוייטֶער אַנְדֶערְשׁ.

שעדליץ 5 טען מארט 1898.

לִיעבֶּער גוּטֶער פְרַיינְד!

גָאט הָאט דִיךְ בֶּעגְלִיקְט מִיט אַ טָאכְטֶער, נוּא זָאל זִיא טַאקִי בַּייא דיר זַיין מִיט גְלִיק. זִיא זָאל אִיהרֶע עֶלְטֶערִין אִימֶער פִיעל נַחַת פֶערְשַׁאפֶען. דִיא פְרֵיידֶע וָואס מִיר הָאבֶּען פוּן דיעזֶער נַאכְרִיכְט גֶעהַאט אִיז אוּנְבֶּעשְׁרַייבְּלִיךְ. בַּייא אוּנְז אִיז גִיוָוען אַנַאנְצֶער יוֹם טוֹב אוּנ יֶעדֶער פוּן אוּנְז הָאט גֶעטְרוּנְקֶען פִיר דֶעם גֶעזוּנְד פוּן דֶער גְלִיקְלִיכֶער מוּטֶער אוּנ פוּן אִיהר נַיינֶעבָּארֶענֶעם שְׁפְּרֶעסְלִינְג.

אַז אוּנְזֶערֶע בְּרָכוֹת וֶועלֶען מְקוּיָם וֶוערֶען, אִין דֶעם צְוַוייפְלֶען מִיר נִיט. דֶען דִיא בְּרָכוֹת פוּן וַואהרֶע גוּטֶע פְרַיינְדֶע הָאבֶּען זֶעהֶער אַגְרוֹיסֶען וָוערְטָה.

וֶוען דוּא וֶועסְט קִיסֶען דַיין יוּנְג טָאכְטֶערְל, זָאלְסְט דוּא נִיט פֶערְגֶעסֶען אִיהר אוֹיךְ אִין מַיין נָאמֶען אַפָּאר הַייסֶע קִיסֶע צוּשֶׁענְקֶען אִיךְ וָועל זַייא דִיר אָבְּגֶעבֶּען וֶוען מִיר וֶועלִין זִיךְ זֶעהֶען.

אִיךְ פֶערְבְּלַייב דַיין גְלִיקְוִוינְשֶׁענְדֶער פְרַיינְד.

N. N.

38.

נָאךְ אַנְדֶערְשׁ.

סמארגאן 25 טען חשון שנת תרנ"ח.

טְהַייעֶרְסְטֶער פְרַיינְד!

צוּפֶעלִיג הָאבּ אִיךְ עֶרְפַאהרֶען, אַז דַיין ווייבּ זָאל לֶעבֶּען, הָאט דִיר אַלִיעבֶּען זָאהן גֶעשֶׁענְקְט אוּנ אִיךְ בֶּעאַיילֶע מִיךְ דִיר מַיין גְרַאטוּלַאצִיָאן צוּ שִׁיקֶען, אִיךְ ווִיל זַיין פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע ווָאס ווִילֶען דַיין לִיעבֶּען נַאסְט בֶּעגְרִיסֶען אוּנ אִיהם אַגְרוּיסֶען בָּרוּךְ הַבָּא זָאגֶען.

יַא! מִיט בֶּעגַייסְטֶערוּנְג רוּף אִיךְ יֶעצְט אוּיס: בָּרוּךְ הַבָּא! זוִילְקָאמֶען זָאל דַיין זָאהן זַיין אִין אוּנְזֶער ווֶעלְט. אוּיף יֶעדֶען טְרִיט זָאל עֶר נוּר פְרַיינְדֶע גֶעפִינֶען, אִין אַלֶע זַיינֶע ווֶעגֶען זָאל עֶר נוּר דָאס גְלִיק בֶּענֶעגְנֶען אוּנ אוּיף דִיר זָאל מְקוּיָם ווֶערִין דֶער פָּסוּק: אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך ובניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך. דָאס ווָאס מַיין הֶערְץ הָאט גֶעפִיהלְט, הָאבּ אִיךְ אוּיסְגֶעדְרִיקְט אוּנ עֶס בְּלַייבְּט נוּר אִיבֶּער אַז נָאט זָאל בֶּעשְׁטֶעטִיגֶען דִיא בְּרָכוֹת פוּן דַיין וַואהרֶען פְרַיינְד.

A. N.

39.

טְרוֹיסְט בְּרִיעף.

ראווינא 28 טען מארט 1898.

ווֶערְטְהֶער פְרַיינְד!

אִיךְ הָאבּ עֶרְשְׁט הַייטֶע עֶרְפַאהרֶען פוּן דֶעם אוּנְגְלִיק ווָאס דִיךְ הָאט גֶעטְרָאפֶען, דָאס דוּא הָאסְט דַיינֶע לִיעבֶּע גוּטֶע פְרוֹיא פֶערְלָארֶען. אַךְ! וואוּ נֶעם אִיךְ זָא פִיעלֶע ווָארְטֶען אִיךְ זָאל קֶענֶען אוּיף דֶעם פַּאפִּיר אוּיסְדְרִיקֶען דָאס ווָאס מַיין הֶערְץ פִיהלְט?

(שמר'ס בר"ש)

עמך אנכי בצרה! איך גֶעה גֶענְצְלִיךְ אַבַיין אִין דַיין לַאנְגֶע מַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶער פְּרַיינְד. איך פִּיהל דַיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁוֶערֶע שְׁמֶערְצֶען. דֶען וֶוער וֵוייס נָאךְ זוֹיא זַיךְ וָואס פַאר אַשַׁאטְץ דוּא הָאסְט פֶערְלָארֶען?

אָבֶער וָואס קָאן מַאן הֶעלְפֶען. גֶעגֶען גָאטְס שְׁטְרָאפֶע הֶעלְפְט קַיין פְּרָאטֶעסְט, דוּא בִּיזְט הַארט בֶּעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארֶען, עֶס אִיז שׁוֹין אַפֶערְפַאלֶענֶע זַאךְ, אוּנ דוּא מוּזְט יֶעצְט בֶּעוַוייזֶען אַז דוּא בִּיזְט אַמַאן מִיט מוּטְה, אַטַאפְּפֶערֶער הֶעלְד וָואס קָאן גֶעדוּלְדִיג עֶרְטְרָאגֶען דֶעם לֶעבֶּענְסְקַאמְפְּף, דֶען וָואס וֶועט דִיר הֶעלְפֶען דַיין פֶערְצְוַוייפְלוּנְג, דַיין וַויינֶען אוּנ דַיין קְלָאגֶען.

מוּטְה, מַיין פְּרַיינְד! כָּל זְמַן מִיר לֶעבֶען, דַארְפֶען מִיר קַיין מָאל דֶעם מוּטְה נִיט פֶערְלִיערֶען, דַיינֶע פְרוֹיא אִיז יֶעצְט גֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם וֶועג וָואהִין מִיר אַלֶע מוּזֶען גֶעהֶען אוּנ וֶוען גָאט הָאט פוּן דִיר אַזַא שְׁטִיטְצֶע צוּגֶענוּמֶען, וֶועט עֶר גֶעוִויס פוּן הַיינְט אוּנ וַוייטֶער אַלֵיין מִיט זַיין הַאנְד דִיךְ שְׁטִיצֶען אוּנ שְׁטִיטְצֶען.

אִיךְ גְלוֹיב אַז דוּא בִּיזְט מַאן גֶענוּג דִיעזֶען שְׁלַאג צוּ עֶרְטְרָאגֶען. זַייא מוּטְהִיג אוּנ גֶעטְרוֹיסְט וְוִיא דִיר וִוינְשְׁט דַיין מִיטְלֵיידֶענְדֶער פְּרַיינְד

N. N.

40.

צוּ אַ פָּאטֶער וָואס זַיין זוֹהן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען.

קארלסבאד 15 טען מאי 1898.

מַיין לִיעבֶּער פְּרַיינְד!

וִויא אַדָאנֶערְשְׁלַאג הָאט מִיךְ גֶעטְרָאפֶען דִיא נַאכְרִיכְט, דָאס דַיין לִיעבֶּער זָאהן אִיז פוּן דִיר אוֹיף אִימֶער אוּנְד עֶווִיג אָבְּגֶערִיסֶען גֶעוָוארֶען. וֶוען אִיךְ זָאל וִויסֶען אַז מִיט וָוארְטֶען קָאנְסְט דוּא

געטרויסט ווערין, וואלט איך געשריעבען אונ געשריעבען נאר אהן אנ'אויפהער אום דיינע גראסע שמערצען צו ערלייכטערן. אבער איך וויים אז מיט ווערטער קאן מאן זאלכע וואונדען ניט היילען, דארום געפין איך פאר נעטהיג דיך אויפמערקזאם צוא מאכען אויף איינינע זאכען.

מיר ביידע וויסען אז אונזער וועלט איז פול מיט צרות אונ שווערע ליידען. מיר וויסען דאס ווארט „גליק" וועלכעס ליעגט אין אונזערע מיילער איז נור אפוסטע פאנטאזיע, אנארישע איינבילדונג. מיר ריידען אימער פון גליק, מיר יאגען זיך נאך דעם, אבער מיר געפינען עס קיין מאל ניט.

דער אלטער פהילאזאף קהלת האט שוין לאנג דאס בעמערקט אונ האט דארום געזאגט: „ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים", ד. ה. איך בין פיעל מעהר מקנא די ליטע וואס זיינען שוין לאנג געשטארבען אלס דיא מענשען וואס לעבען. וויא עס ווייסט אוים פיהרט זיך דיא וועלט פון עוויג אן אזויא, אלע מאל האבען דיא קלוגע מקנא גיוועזן דיא געשטארבענע אונ עס איז פיעל מעהר דא צו בעדויערן דיא לעבענדיגע אלס דיא וואס האבען שוין זייער לעבענסוואנדעל גיענדיגט. דיין זאהן איז יונג געשטארבען. אלע זיינע פריינדע אונ בעקאנטע בעדויערן איהם. זיינע עלטערן פערגיעסען ביטערע טרערען אויף זיין פרישען גראב אונ ער אליין ליעגט זיך גאנץ רוהיג אין זיין שטילען קבר. ער הערט ניט וואס ארום איהם טוהט זיך. ער זעהט ניט דיא פיעלע ליידען וואס טאנצען ארום דיא לעבענדיגע. ער דארף שוין וועגען קיין זאך זארגען, פאר קיין אונגליק פירכטען אונ דער געדאנק אליין דארף אונז אביסעל בערוהיגען. צו וואס שטרעבען מיר דען אלע, ווען ניט צום גראב? מיט וואס ענדיגט זיך אונזער אלימענס מיהע ווען ניט מיט דעם טויט? אלזא לאמיר ווארטען ביז עס וועט קומען דיא צייט אונ מיר וועלען אויך איבער

גֶעהָען אִין יָענֶער גֶעהֵיימְנִיסְפָאלֶער װָעלְט וואו דַיין זָאהן בְּעפִינְדֶעט זִיךְ יָעצְט.

אִיךְ עֶנְדִיג מַיין בְּרִיעף מִיט דִיא װָארְטֶען גָאטט זָאל דִיר טְרוֹיסְטֶען, דָאס וִוינְשְׁט דִיר פוּן טִיעפֶען הֶערְצֶען דַיין פְרַיינְד

N. N.

41.

צוּ אֵיינֶעם וָואס זַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען.

סוּבאלק 27 טען מאי 1898.

טְהַייעֶרֶער פְרַיינְד!

מִיט צִיטֶערְנְדֶע הָענְד אוּנ מִיט אַקְלַאפְּפֶענְדֶעם הָערְץ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיעזֶע צַיילֶען, דֶען עֶרְשְׁט מִיט אֵייניגֶע מִינוּטֶען פְרִיהֶער הָאבּ אִיךְ עֶרְפַאהרֶען פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען שְׁלַאג וָואס דִיךְ הָאט גֶע-טְרָאפֶען. אִיךְ בִּין נָאךְ וִויא צוּדוּלְט, עֶפֶּעס גְלוֹיבְּט זִיךְ מִיר נִיט אַז דַיין שֵׁיינֶע לִיעבֶּע טָאכְטֶער לֶעבְּט שׁוֹין נִיכְט מֶעהר, אַז זִיא הָאט זָא שְׁנֶעל דֶער װָעלְט דֶעם עֶווִיגֶען אַדְיֶע גֶעזָאגְט. טְהַייעֶרֶער פְרַיינְד! אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה זֶעהֶער גוּט אַז טְרוֹיסְט-װָערְטֶער װֶעלֶען אוֹיף דִיר גָאר נִיט ווִירְקֶען, דָאךְ קָאן אִיךְ מִיךְ נִיט אַיינְהַאלְטֶען דִיר נִיט צוּ זָאגֶען אַז דוּא בִּיזְט נִיט דֶער עֶרְשְׁטֶער װָעלְכֶער אִיז זָא גֶעפְּלָאגְט גֶעווָארֶען אוּנ בִּיזְט אוֹיךְ נִיט דֶער לֶעצְטֶער, זָאלְכֶע אוּנ נָאךְ גְרֶעסֶערֶע אוּנְגְלִיקֶען טְרֶעפֶען יֶעדֶען טָאג, אַלְזָא אִיז דָאךְ דָאס אַנַאטִירְלִיכֶע פְּלַאגֶע אוּנ יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז נַאטִירְלִיךְ דַארְף אוּנְז נִיט אִיבֶּערְרַאשֶׁען, וִויא אוֹיךְ נִיט צוּפִיעל אִין פֶערְצְווַייפְלוּנְג טְרַייבֶּען.

אִיךְ ווַייס אַז דוּא װֶעסְט מִיר אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶערֶען: וָואס קוּמְט מִיר אַרוֹיס ווֶען יֶענֶעם הָאט אוֹיךְ אַזַא אוּנְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען ווֶעט דֶען מַיין אוּנְגְלִיק דַאדוּרְךְ קְלֶענֶער װֶערֶען?

(שְׁמר׳ס בר״ש)

דוא דאַרפְסְט דָאס אָבֶער לִיעבֶער פְרַיינְד נִיט פְרֶעגֶען , אִיךְ הָאבּ דִיר נור גֶעוויזֶען אַז דוא בִּיזְט נִיט דֶער אֵיינְצִיגֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער אִין דִיעזֶען פַאל. אוּנְזֶערֶע אַלְטֶע חֲכָמִים הָאבֶּען אויךְ גֶעזָאגְט : „צרת רבים חצי נחמה”. אִיךְ הָאף אַז דוא וֶועסְט נָאךְ גֶענוּג הָאבֶּען קְרַאפְט דִיעזֶען שִׁיקְזַאלְס־שְׁלַאג מִיט גֶעדולְד צוּ עֶרְטְרָאגֶען אונ וֶועסְט זִיךְ נִיט אִיבֶּערְגֶעבֶּען צוּ דֶער פֶערְצְוֵוייפְלוּנְג אִין דִיא הֶענְד.

שְׁרַייבֶּענְדִיג דִיעזֶע וֶוערְטֶער פַאלֶען טְרֶערֶען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען, דָאס זַיינֶען הַייסֶע טְרֶערֶען פוּן דַיין הַייסֶען פְרַיינְד

N. N.

42.

אַנְדֶערְשׁ.

לאדז 12 טען יוני 1898,

בֶּעסְטֶער פְרַיינְד!

אוּנְזֶער פְרַיינְד ד ... הָאט מִיר עֶרְצֶעהלְט וִויא שְׁטַארְק אויף דִיר הָאט גֶעווירְקְט דֶער טוֹיט פוּן דַיין לִיעבֶּעס קִינְד. מִיךְ וואוּנְדֶערְט דָאס נִיט, דֶען עֶרְשְׁטֶענְס קָאן אִיךְ דַיין וַוייכֶען חַארַאקְטֶער, דוּא קָאנְסְט נִיט צוּזֶעהֶען פְרֶעמְדֶע צָרוֹת, בִּפְרַט אֵייגֶענֶע! צְוֵוייטֶענְס מוּז אִיךְ מוֹדֶה זַיין אַז דַיין קִינְדְס טוֹיט אִיז פִיר דִיר זֶעהֶער אַשְׁווֶערֶער שְׁלַאג.

אָבֶער מַיין לִיעבֶער פְרַיינְד, וֶוען דוא זָאלְסְט מִיט אָפֶענֶע אוֹיגֶען בֶּעטְרַאכְטֶען וואָס אִין דֶער וֶועלְט קוֹמְט פָאר וָואלֶסְט דוא זִיךְ אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִיגְט. זֶעה, דָאס זָאנַאר דִיא גְרֶעסְטֶע הֶערְשֶׁער, דִיא רַייכְסְטֶע מַאנְנָאטֶען וֶוערֶען פוּן דֶעם מַלְאַךְ הַמָוֶת נִיט גֶעשׁוֹינְט. אויךְ פוּן זַייא רוֹיבְּט זֶעהֶער אָפְט דֶער טוֹיט אַוֶועק זַייעֶרֶע לִיעבְּסְטֶע קִינְדֶער אונ דָאךְ עֶרְטְרָאגֶען זַייא גֶעדוּלְדִיג דִיעזֶע אוּנְגְלִיקֶען.

דֶערְמָאן זִיךְ אויךְ דִיא וֶוערְטֶער וָואס דֶער קְלוּגֶער דָוִד הָאט

(שמר׳ס בר״ש)

גֶעוָאנְט אַלְס זַיין קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען . וָוען דָאס קִינְד אִיז קְרַאנְק גִיוָועזֶען הָאט עֶר גֶעוַויינְט אוּנ גֶעיָאמֶערְט אוּנ נָאכְדֶעם אַז זַיין לִיעבְּלִינְג אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען , הָאט עֶר אוֹיסְגֶעוִוישְׁט דִיא טְרֶערֶען אוּנ אִיז רוּהִיג גֶעוָוארֶען ; עֶר הָאט אוֹיף דֶעם גֶעגֶעבֶּען זֶעהֶער אַרִיכְטִיגֶע עֶרְקְלֶערוּנְג : כָּל זְמַן דָאס קִינְד הָאט גֶעלֶעבְּט הָאבּ אִיךְ גֶעוַויינְט מִיט דֶער הָאפְנוּנְג אַז גָאטט וָועט מַיינֶע טְרֶערֶען דֶערְזֶעהְן אוּנ וָועט מַיין קִינְד גֶעזוּנְד מַאכֶען, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין טוֹיט וָואס וָועט מִיר נוּטְצֶען מַיין יָאמֶער אוּנְד קְלָאג ?

דָאס זָעלְבֶּע, לִיעבֶּער פְרַיינְד , דַארְפְסְט דוּא אוֹיךְ זָאגֶען אוּנ דַארְפְסְט אוֹיךְ אוֹיסְוִוישֶׁען דַיינֶע טְרֶערֶען אוּנ זָאגֶען ״חבל על דאבדין״ אוּנ נַאכְהֶער אַלֶעס פֶערְגֶעסֶען .

אִיךְ הָאף אַז דוּא וָועסְט פֶערְשְׁטֶעהְן דָאס אִיךְ הָאבּ רֶעכְט אוּנ וָועסְט זִיךְ בֶּערוּהִיגֶען , דַאמִיט וָועסְט דוּא אוֹיךְ בֶּערוּהִיגֶען דַיין גַאהְנְטֶען פְרַיינְד

N. N.

43.

צוּ אַ שְׁוֶועסְטֶער אַנְאַלְמָנָה .

ליבאווא 14 יולע 1898 .

טְהַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶער !

וָועהְרֶענְד אִיךְ שְׁרַייבּ דִיעזֶען בְּרִיעף פְלִיעסֶען הַייסֶע טְרֶערֶען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען , דֶען זָא עֶבֶּען הָאבּ אִיךְ דִיא בְּרִיעף עֶרְהַאלְטֶען אִין וָועלְכֶען דוּא הָאסְט מִיר דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע נַאכְרִיכְט מִיטְגֶעטְהֵיילְט אַז דַיין גֶעטְרַייעֶר מַאן הָאט אוּנְזֶער שְׁלֶעכְטֶע וָועלְט פֶערְלָאזֶען אוּנ הָאט דִיךְ מִיט דַיינֶע טְהַייעֶרֶע קִינְדֶערְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִין עֶלֶענְד אוּנ אִין נוֹיט. מִיר שׁוֹידֶערְט וָוען אִיךְ דֶערְמָאן מִיךְ אָן דֶעם. אִיךְ זָאל דוּכְט זִיךְ קָאנֶען דִיךְ מַיינֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע שְׁוֶועכְטֶער אוּמְאַרְמֶען

אונ מִיט דִיךְ צוּזַאמֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְזַיינֶען, וָואלְט מִיר פִילַייכְט לַייכְטֶער גֶעוָוארֶען. צוּם אוּנְגְלִיק אָבֶּער בִּין אִיךְ פוּן דִיר זָעהֶער וַוייט אונ אִיךְ בִּין גֶעצְוואוּנְגֶען מַיין שְׁמֶערְץ בְּלוֹיס דוּרְךְ שְׁוַארְצֶע בּוּכְשְׁטַאבֶען אַרוֹיסְגֶעבֶּען.

אִיךְ קָאן זִיךְ קֵיין רַאטְה גֶעבֶּען וָואס אִיךְ זָאל יֶעצְט טָאהן. אִיךְ ווייס אַז עֶס גִיעבֶּען גָאר זָא פִיעלֶע טְרוֹיסְט-וָוערְטֶער נִיט וָואס זָאלֶען אִין שְׁטַאנְדֶע זַיין דִיךְ צוּ טְרוֹיסְטֶען. מִיר בְּלַייבְּט נוּר אִיבֶּערִיג דִיר צוּ זָאגֶען: אַז דַיין מַאן אִיז ווירְקְלִיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען, אָבֶּער דַיין גָאטט לֶעבְּט, עֶר אִיז דֶער פָאטֶער פוּן דַיינֶע יְתוֹמִימְלִיךְ אונ גֶעוִויס וָועט עֶר דִיךְ נִיט פֶערְלָאזֶען. דוּא קָאנְסְט נָאךְ דָאס גְרֶעסְטֶע גְלִיק עֶרְלֶעבֶּען וִויא דִיר ווינְשְׁט דַיין גֶעטְרַייע שְׁוֶועסְטֶער

B. R.

44.

לִיעבֶּע בְּרִיעף.

לאדז 5 טען מאי 1898.

וָוערְטְהֶעס פְרַיילִין N. N.

אִיךְ וַואגֶע מִיךְ יֶעצְט אַיינֶען גֶעפֶּעהרְלִיכֶען שְׁרִיט צוּ מַאכֶען. אִיךְ נֶענֶע אִיהם גֶעפֶּעהרְלִיךְ, וַוייל וָוען בֶּעהִיטֶע גָאטט עֶר וָועט נִיכְט גֶעלִינְגֶען וָועל אִיךְ אִין אֵיינֶער הֶעכְסְט פֶערְצְוַייפֶעלְטֶער לַאגֶע בְּלַייבֶען, דָאס אִיז אַשְׁרִיט פִיר מַיין גַאנְץ לֶעבֶּען ...

אִיךְ וִויל גְלוֹיבֶּען דָאס אִיהר, וָוערְטֶעס פְרַיילִין, הָאט שׁוֹין בֶּעמֶערְקְט דָאס אִיךְ בִּין צוּ אַייךְ נִיט גְלַייכְגִילְטִיג. אִיהר הָאט גֶעוִויס פֶערְשְׁטַאנֶען דָאס מַיין סִימְפַּאטְהִי צוּ אַייךְ שְׁטַאמְט נִיט פוּן בְּלוֹיסֶער פְרַיינְדְשַׁאפְט, אונ דִיא גֶעגֶענְזַייטִינֶע סִימְפַּאטְהִי וָואס אִיךְ הָאבּ בֶּעמֶערְקְט אִין אַייךְ צוּ מִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען מוּטְה אַייךְ דוּרְךְ דִיעזֶען בְּרִיעף אַיינְצוּלַאדֶען אִיהר זָאלְט זַיין לֶעבֶּענְס-בֶּעגְלֵייטֶערִין זַיין ...

(שמר'ס בר"ש)

איך פיהל מיך גענוג פעהיג איינער געליעבטער פרויא צו שענקען דאס גליק פון אזיסען פאמיליענלעבען . מיין גאנצע מיהע, אלע-מיינע שטרעבונגען װעלען נור איין ציעל האבען מיין היים געליעבטער .N. N גליקליך צומאכען, װייל אן איהר גליק איזט אויך מיינער פערבונדען . שאדע װאס איך בין קיין פאעט אדער װעניגסטענס אטיכטיגער שרייבער אום צו קענען אלע מיינע גע-דאנקען װעגען דיעזען פונקט אויסצושרייבען . איך צווייפלע אבער ניכט דאס דיעזע װייניגע װארטען װעלען אויך גענוג זיין איך דייטליך צו ערקלערען דאס מיינע ליעבע צו אייך איזט ניכט פון יענע ליעבעס װאס בליהען אויף װיא דיא פריהלינגס בלומען אום שנעל צו װעלקען, ניין! עוויג, עוויג װעט איך ליעבען אייער

B. R·

45.

אנטװארט .

ביאליסטאק 17 טען מאי 1898.

בעסטער פריינד B. R.

אייער בריעף האט מיך שטאלץ געמאכט, איך פיהל מיך דעהער געשמייכעלט פון אייערע זיסע װארטען . איהר האט קיין אירטהום געהאבט ליעבער .B . איך האב װירקליך גוט בעמערקט װיא אויף ריכטיג איהר ליעבט מיך אונ איך קאן יעצט פרייא זיך אויסדריקען : אז דאס זעלבע געפיהל בעלעבט מיך אויך זייט איך האב אייך ערקאנט . איך װייס דאס נור איהר זייט אין שטאנד מיך גליקליך צו מאכען . איך האב צו אייך פאלעס צוטרויען אונ מיר בלייבט ניט מעהר איבעריג װיא אייך צו בעמיען, איהר זאלט זיך צו מיינע עלטערען װענדען . דיעזע עדעלע גוטע מענשען װעלכע האבען מיך אין דער װעלט געבראכט אונ האבען דורך מיר זעהער

(עכר'ס בר״ש)

פִיל זָארְג אוּנ קִימֶער גֶעהַאט , זַא נוּר זַייא גֶעבִּיהֶרְט דִיא עֶהרֶע מִיךְ צוּ מַיין גְלִיק צוּ פִיהרֶען אוּנ פוּן זַייעֶרֶע הֶענְד מוּז מִיךְ מַיין לֶעבֶּענְס-בֶּעגְלַייטֶער עֶמְפְּפַאנְגֶען .

אִיךְ בִּין פֶעסְט אִיבֶּערְצֵייגְט דָאס זַייא פֶערְשְׁטֶעהֶען אַייעֶר גְרָאסֶען וֶוערְטְה וִויא אִיךְ, אַייעֶרֶע

N. N.

46.

עֶרְקְלֶערוּנְג אִין לִיעבֶּע.

מאסקווא 2 טען יולע 1898.

גִינֶעדִיגֶעס פְרַיילִין B.

בְּלוֹיס צְוַוייא וָואכֶען זַיינֶען פֶערְפְלָאסֶען זַייט אִיךְ בִּין צוּרִיק פוּן אַייעֶר שְׁטָאדְט נָאךְ הוֹיזֶע גֶעקָאמֶען אוּנ מִיר וַוייזְט אוּיס , דָאס אֵיינֶע גַאנְצֶע עֶוִויגְקֵייט אִיז פֶערְגַאנְגֶען פוּן יֶענֶער צֵייט .

מַיינֶע צֶערְטְלִיכֶע עֶלְטֶערֶען וֶוענְדֶען אַלֶע קְרֶעפְטֶע אָן , מִיךְ צוּ עֶרְהֵייטֶערְן , מִיר בֶּערְגֶעניִגֶען צוּ פֶערְשַׁאפֶען , לֵיידֶער אָבֶּער אִיזְט זֵייעֶר מִיהֶע אֵיינֶע אוּמְזָאנְסְטֶע , אִיךְ קָאן לוּסְטִיג נִיט זַיין , קֵיין זַאךְ אִיז אִין שְׁטַאנְד מִיךְ צוּ עֶרְמוּנְטֶערְן , מַיין גֶעבּוּרְטְס-שְׁטָאדְט אִיז מִיר וִויא פְרֶעמְד , אִין דֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְט פוּן מַיינֶע יוּגֶענְד פְרַיינְד אִיזְט מִיר אוּנמוּטְהִיג. מִיר פֶעהלְט עֶטְוָואס, אָבֶער וָואס זָאג אִיךְ עֶטְוָואס? מִיר פֶעהלְט אַלֶעס . מַיינֶע בְּלִיקֶען זוּכֶען עֶטְוָואס אַנְדֶערְשׁ, זַייא זוּכֶען יֶענֶע הִימְלִישֶׁע שְׁטְרַאהלֶען וָואס הָאבֶּען זָא זַאנְפְט, זָא זִיס עֶרְוַוארְמְט מַיין בְּרוּסְט , אוּנ דִיעזֶע שְׁטְרַאהלֶען קָאן מִיר קֵיינֶער גֶעבֶּען אוּיסֶער אַייעֶרֶע אוֹיגֶען, גוּטֶע B.

וָועהרֶענְד אִיךְ בִּין גֶעבֶּען אַייךְ גִיוֶועזֶן, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִיא מֶעגְלִיכְקֵייט אַייךְ טֶעגְלִיךְ צוּ בֶּעזוּכֶען , הָאבּ אִיךְ נִיט נֶעפִּיהלְט וָואס אִיהר זַייט פַאר מִיר , עֶרְשְׁט יֶעצְט אִין אַייעֶר

(שמר'ס בר"ש)

אבוועזענהייט, האב איך ערפאהרען אז איהר זייט מיין אלעס (זא ערפאהרט דער מענש דעם גראסען ווערט פאן דעם פריהלינג ערשט דאן ווען ער פערשווינדעט). עס קאן זיין אז מיינע ווארטען וועלין קאמיש קלינגען אין אייערע אויערען, עס קאן אויך זיין דאס איהר וועט דיעזע ווארטען בעטראכטען אלס פרעכהייט, דען איהר וועט געוויס ניכט פערגעסען אז אגאלדענע וואנד שטעהט צווישען אונז, איהר זייט דיא טאכטער פאן איינען רייכען מאן, אונ איך בין בלויס אנ'ארמער בוכהאלטער, אבער דיא ליעבע וויל פון זאלכע רעכנונגען ניכט וויסען. דארום האב איך יעצט אן אלעס פערגעסען אונ האב פון מיין ליעבע צו אייך קיין געהיימנים געמאכט. דיא האפנונג שמייכעלט מיר, דאס אויך איהר וועט יענע פאלשע רעכנונגען פערגעסען, אונ וועט מיר בעגליקען מיט דער פערזיכערונג, דאס איך קאן ווענינגסטענס האפען אייער האנד צו ערבייכען אום איך זאל אייך קאנען צום גרעסטען גליק פיהרען.

מיין פעדער איז צו ארם אויסצודריקען מיט וואס פאר אונגעדולד עס ערווארטעט אייער אנטוואורט

אייער ערגעבענסטער .D. A.

47.

אנטווארט.

ניזני נאוויגאראד 20 טען יולי 1898.

ווערטהער הערר .A !

אייער בריעף פון דעם 20 טען מאי האט מיך איבערראשט, איך האב אין איהם געפונען זאלכע דינגע וואס איך האב ניט ערווארטעט. איך האב אייך אימער בעטראכט אלס איינעם פון מיינע בעסטע פריינדע. איך האב אייך אויך געשעצט פאר אייער

צַהרְליכְקַייט, גוּט-הֶערְצִינְקַייט אונד זַאנְפְטֶען כַאראַקְטֶער. אַבֶּער קיין מָאל אִיז מִיר דָער גֶעדַאנְק אִין קָאפְּף גֶעקָאמֶען, דָאס אִיהר לִיעבְּט מִיךְ אוּנ אִיהר ווִילְט מִיךְ צוּם גְרֶעסְטֶען גְלִיק פִיהרֶען?

עֶס טוּט מִיר הֶערְצְלִיךְ לַייד דָאס וָואס אִיךְ בִּין דִיא טָאכְטֶער פָאן אֵיינֶען רַייכֶען מַאן אוּנ אִיהר זַייט בְּלוֹיס אַנ'אָרְמֶער בּוּכְהַאלְטֶער. דֶען אִיהר קָאנְט ווִירְקְלִיךְ גְלוֹיבֶּען דָאס מַיין פָאטֶערְס רַייכְטְהוּם הָאט מִיךְ זָא שְׁטָאלְץ גֶעמַאכְט, דָאס אִיךְ רֶעכְנֶע עֶס פַאר אֵיינֶע עֶרְנִידֶערוּנְג זִיךְ מִיט אַייךְ צוּ פֶערְבִּינְדֶען. אִיךְ גְלוֹיבֶּע אָבֶּער, אַז אִיהר הָאט זִיךְ גֶענוּג אִיבֶּערְצַייגְט דָאס אִיךְ גִיהֶער נִיכְט צוּ יֶענֶער-קְלַאססֶע מֶעדְכֶענְס וָואס בַּייא זַייא שְׁפִּיעלְט רַייכְטְהוּם אֵיינֶע הוֹיפְּט רָאלְלֶע. אִיךְ עֶנְטְזַאגֶע יֶעצְט אַייעֶר בִּיטֶע אֵיינְפַאךְ דָערְפַאר וָואס אִיךְ לִיעבֶּע אַייךְ נִיכְט, שְׁטֶעלְט מִיר קַיינֶע פְרַאגֶע וָוארוּם? מִיט זָאלְכֶע פְרַאגֶען מוּז מַאן זִיךְ ווֶענְדֶען צוּ דָעם הֶערְצֶען אוּנ דָאס הֶערְץ אִיז שְׁטוּם, עֶס קָאן נִיכְט אַנְטְוָוארְטֶען...

פֶערְגֶעסְט לִיעבֶּער פְרַיינְד זָאלְכֶע גְלִיקֶען.... אִיךְ ווֶעל זֶעהֶער צוּפְרִיעדֶען זַיין ווֶען אִיהר וָועט ווִיא פְרִיהֶער בְּלוֹיס אַלְס פְרַיינְדִין בֶּעטְרַאכְטֶען מִיךְ אַייעֶר ווַאהרֶע פְרַיינְדִין

H. R.

48.

פוּן אַהֲבָה צוּ אֲבֵלָה.

פאלטאווא 5 טען אווגוסט 1898.

מַיין הֶערְצֶענְס גֶעלִיעבְּטֶע בְּרוּיט רָאזֶע!

דִיעזֶער בְּרִיעף אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער נָאךְ אוּנְזֶער גְלִיקְלִיכֶער פֶערְלָאבּוּנְג. דוּא דַארְפְסְט נִיכְט עֶרְווַארְטֶען מַיינֶע מְהַייעֶרֶע אִין אִיהם נַייעֶס צוּ פִינְדֶען, דוּא ווֶעסְט אִין אִיהם הֶערֶען דִיא אַלְטֶע דִינְגֶע ווַאס דוּא הָאסְט שׁוֹין פוּן מִיר אוּנְצֶעהלִיגֶע מָאל גִיהֶערְט, נֶעמְלִיךְ

אַז מַיין לִיעבֶּע צוּ דִיר פְלַאמְט אִין מַיין בְּרוּסְט אוּנ זִיא גִיט מִיר קֵיין רוּהֶע .

אֵיינֶענְטְלִיךְ הָאבּ אִיךְ דָאךְ יֶעצְט בֶּעדַארְפְט פָאלְקָאמֶען רוּהִיג זַיין, דֶען מַיין אֵיינְצִיגֶער וואוּנְשׁ דוּא זָאלְסְט מַיינֶע זַיין אִיז עֶרְפִילְלְט גֶעוָוארֶען. אִיךְ קָאן יֶעצְט פְרַייא פִיר דֶער גַאנְצֶער וועלְט זָאגֶען אַז דִיא שֵׁיינֶע רָאזֶע אִיז מַיינֶע, עֶוִויג מַיינֶע, אָבֶּער אִיךְ בִּין דָאךְ נִיט רוּהִיג, דֶען דִיעזֶע טְהַייעֶרֶע רָאזֶע אִיז יֶעצְט וַוייט פוּן מִיר אִיךְ קָאן דָאס גְלִיק נִיט הָאבֶּען זִיא צוּ זָעהֶען, זִיא צוּ בֶּערִיהרֶען, אִיהר לִיעבְּלִיכֶען דוּפְט צוּ שְׁמֶעקֶען .

יַא, דוּא בִּיזְט וַוייט פוּן מִיר אוּנ דָאךְ שֵׁיינְט מִיר מַאנְכֶעס מָאל דָאס דוּא בְּלִיהסְט נֶעבֶּען מִיר. דוּא שְׁוֶועבְּסְט אִימֶער פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען, דַיינֶע זִיסֶע קְלִינְגֶענְדֶע וָוארְטֶען הֶערֶען נִיט אוֹיף אִיז מַיינֶע אוֹיעֶרֶען צוּ קְלִינְגֶען. אִיךְ בִּין אִימֶער וִויא אִין זִיסֶע טְרוֹימֶע פֶערְזוּנְקֶען .

יַא, זִיסֶע טְרוֹימֶע זַיינֶען זָעהֶער אַנְגֶענֶעהם, אָבֶּער דָאס עֶרְוַואכֶען פוּן זַייא אִיז זָעהֶער אוּנְאַנְגֶענֶעהם, אוּנ דִיעזֶע עֶרְוַואכוּנְג קָאמְט יֶעדֶע מִינוּט, יֶעדֶע מִינוּט זֶעה אִיךְ מִיךְ אַרוּם, אָבְּוָואהל דוּא גֶעהסְט מִיר פוּן מַיין גֶעדַאנְק נִיט אַרוּיס בִּיזְט דוּא פָארְט נִיכְט נֶעבֶּען מִיר אוּנ דַאן פִיהל אִיךְ אַז אַרוּם מִיר וֶוערְט פִינְסְטֶער. קָאן דֶען זַיין לִיכְטִיג וֶוען דִיא זָאנֶע אִיז אִין וָואלְקֶענְס פֶערְשְׁטֶעקְט?

אָבֶּער פוּן דִיעזֶע דוּנְקֶעלְהַייט גְלֶענְצְט אַרוּיס אַ פְרֶעכְטִיגֶער שְׁטֶערֶען וֶועלְכֶער בֶּעלַייכְט מִיט זַיין זַאנְפְטֶעס לִיכְט מַיין הֶערְץ, דִיעזֶער שְׁטֶערֶען אִיז אוּנְזֶער בֶּעשְׁטִימְטֶער הָאכְצַייטְס-טָאג וֶועלְכֶער קָאמְט אַלְץ נֶעהֶענְטֶער אוּנ גֶעהֶענְטֶער, אַךְ מַיין גָאט! וֶוען אִיךְ זָאל קָאנֶען אִיהם וָואס שְׁנֶעלֶער צוּשְׁלֶעפֶּען צוּ זִיךְ וִויא גְלִיקְלִיךְ אִיךְ וָואלְט גִיוָוען .

לַיידֶער אִיזְט דָאס בְּלוֹיס אֵיינֶע פַאנְטַאזִיֶע, אִיךְ מוּז גֶעדוּלְדִיג דִיעזֶען גְלִיקְלִיכֶען טָאג עֶרְוַוארְטֶען אוּנ אוּם דִיעזֶע לַאנְגֶע צַייט צוּ פֶערְטֶען גִיעבְּט עֶס נוּר אֵיין מִיטֶעל—דַיינֶע בְּרִיעפֶע צוּ לֶעזֶען -

(שמד'ס בר"ש)

יַא, מַיינֶע טְהַייעֶרֶע, נור דַיינֶע בְּרִיעפֶע קָאנֶען מִיךְ בִּיז יֶענֶער צייט עֶרְהַייטֶערְן אונ דארום הָאפֶע אִיךְ דָאס דוא וֶועסְט אִין דִיעזֶען הִינְזִיכְט נִיכְט שְׁפַּארְזַאם זַיין אונ וֶועסְט מִיךְ יֶעדֶע וָואכֶע מִיט דַיין אַיינגֶעהֶענְדִיגֶען בְּרִיעף בֶּעגְלִיקֶען.

עֶרְוַוארְטֶענְד מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער אוּנְגֶעדוּלְד דַיין שְׁרַייבֶּען פֶערְבְּלַייבֶּע אִיךְ דַיין לִיעבֶּענְדֶער בְּרוּטִינַאם.

מאקס פלוט.

49.

אַנְטְוָוארְט.

דיגא 17 טען אוגוסט 1898.

מַיין לִיעבֶּער מַאקְס!

אִיךְ וַואר וִויא בֶּערוּישְׁט פוּן גְלִיק אַלְס אִיךְ הָאבּ דַיין זִיסֶען בְּרִיעף עֶרְהַאלְטֶען. אִיךְ מוּז דִיר דִיא וַוארְהַייט זָאגֶען אַז דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גִיוֶוען וֶוען אִיךְ זָאל דַיין בְּרִיעף בוּכְשְׁטֶעבְּלִיךְ אִיבֶּערְ-שְׁרַייבֶּען אוּנ אִיהם דִיר אַריינְשִׁיקֶען מִיט מַיין אוּנְטֶערְשְׁרִיפְט, דֶען אַלֶעס וָואס אִיךְ פִיהל פִיהלְסְט דוּא אוֹיךְ, רִיכְטִיג דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אוֹיסְדְרִיקֶען, הָאסְט דוּא אוֹיסְגֶעדְרִיקְט. אוֹיךְ אִיךְ הָער נִיט אוֹיף וֶוענֶען דִיר צוּ דֶענְקֶען, אוֹיךְ דַיין בִּילְד שְׁוֶועבְּט אִימֶער גֶעגֶען מִיר. אַזוֹיא וִויא דוּא, בִּין אִיךְ אוֹיךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג פֶערְזוּנְקֶען אִין זִיסֶע טְרוֹימֶע אוּנ וֶוען אִיךְ עֶרְוַואךְ מִיךְ וֶוערְט אַרוּם מִיר וִויא פִינְסְטֶער.

אִיךְ קָאן נָאר צוּגֶעבֶּען אַז פוּן דֶער צייט וָואס אוּנְזֶער בּוּנְד אִיז גֶעשְׁלָאסֶען גֶעוָוארֶען פִיהל אִיךְ מִיר אַלְס דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל. מִיר שַׁיינְט אַז קֵיין מֶעדְכֶען אִיז זָא גְלִיקְלִיךְ וִויא אִיךְ אוּנ דִיא וֶועלְט וַוייזְט הַייטֶע אִין מַיינֶע אוֹיגֶען אוֹיס שֶׁענֶער אַלְס אַלֶע מָאל. אִיךְ בֶּעווּאוּנְדֶער דֶעם יֶענִיגֶען וָואס וַואגְט

(שמר׳ם בר״ש)

צוּ זָאגֶען אַז אוּנְזֶער װעלְט איז אַשְׁלֶעכְטֶע. נֵיין! אוּנ נָאךְ טױזֶענְד מָאל נֵיין! קוּים לֶעבְּט אִין אִיהר מַיין מַאקְס איז זיא אַ פַּארַאדִיז.

אִיךְ דַאנְק דִיר מַיין טְהַייעֶרֶע פַאר דַיין זִיסֶען בְּרִיעף. שְׁרַייב מִיר אִימֶער זָאלְכֶע בְּרִיעף אוֹיב דוּא ווִילְסְט מִיר פֶּערְגֶענִיגֶען פֶערְשַׁאפֶען. יַא! שְׁרַייב וָואס מֶעהר, דַיין בְּרִיעף זָאל זַיין וָואס לֶענְגֶער, דָען אִיךְ וָועל נִיט מִיעד וָוערֶען אִיהם צוּ לֶעזֶען אוּנ אִיהם אוּנְצֶעהלִיגֶע מָאל ווִיעדֶערְהָאלֶען בִּיז אִיךְ וָועל אִיהם קָאנֶען אוֹיסְ-װענְדִיג אִיבֶּערְזָאגֶען. אִיךְ ווִיל צוּ דִיר פִיעל שְׁרַייבֶּען, אָבֶער מַיין פַאנְטַאזִיֶע אִיז נִיט זָא רַייךְ ווִיא דַיינֶע. אִיךְ הָאבּ נִיט זָא פִיעל שֵׁיינֶע וָוארְטֶען ווִיא דוּא. דַארוּם מוּז אִיךְ יֶעצְט מַיין בְּרִיעף עֶנְדִיגֶען מִיט דָער הָאפְנוּנְג דָאס בַּאלְד ווִיא דוּא וָועסְט אִיהם עֶרְהַאלְטֶען וָועסְט דוּא מִיר אַצְוַוייטֶען בְּרִיעף שְׁרַייבֶּען.

שְׁרַייב, מַיין טְהַייעֶרֶער, שְׁרַייב וָואס מֶער צוּ דַיין דִיךְ אִינִיג-לִיבֶּענְדֶע בְּרוּיט

ראזא קראנץ.

50.

מַאקְס צוּ רָאזַא'ן!

פּאלטאווא 28 טען אווגוסט 1898.

מַיין גוּטֶער עֶנְגֶעל!

דַיין לִיעבֶּעפָאלֶער בְּרִיעף הָאט מִיךְ עֶרְקְווִיקְט. יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אִיהם הָאט ווִיא אַטְהַייעֶרֶער בְּרִילְיַאנְט פַאר מִיר גֶעגְלַאנְצְט. יֶעדֶע פְּרַאזֶע הָאט ווִיא הִימְלִישֶׁע מוּזִיק אִין מַיינֶע אוֹיעֶרְן גֶעקְלוּנְגֶען, יַא, מַיינֶע טְהַייעֶרֶע דוּא הָאסְט זֶעהְר רֶעכְט דַאמִיט וָואס דוּא שְׁרַייבְּסְט, אַז פַאלְשׁ אִיז דִיא בֶּעהוֹיפְּטוּנְג פוּן דִיא יֶענִיגֶע וָואס זָאגֶען אַז דִיא וָועלְט אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע. נֵיין! דִיא וָועלְט אִיז ווִירְקְלִיךְ

אַפַּאראַדיז פַאר דִיא פֶּערְזָאנֶען , וָואס הָאבֶּען דָאס גְלִיק צוּ לִיעבֶּען אוּנ גֶעלִיעבְּט צוּ וָוערֶען . דִיא לִיעבֶּע פֶּערְוַואנְדֶעלְט זָאגַאר אֵיינֶע וִויסְטֶע אִין אַלוּסְגַארְטֶען, דִיא זָאנֶע וִויא אוֹיךְ דֶער מָאנְד שַׁיינֶען פִיר זַייא פִיעל שֶׁענֶער אוּנ זַאנְפְטֶער אַלְס פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען . אוֹיךְ דִיא הָאפְנוּנְג וֶועלְכֶע פִיהרְט אַלֶע מֶענְשֶׁען וִויא אַנ׳עַמוּד אֵשׁ (אַפַייעֶרִינֶער זַייל) דוּרךְ אַלֶע וִויסְטֶענַייעֶן , פוּן דֶעם לֶעבֶּען , אוֹיךְ זִיא אִיז בַּייא דִיא הֵייסְלִיעבֶּענְדֶע פֶּערְזָאנֶען פִיעל שְׁטַארְקֶער אַלְס בַּייא אַלֶע אִיבֶּערִינֶע מֶענְשֶׁען . דִיעזֶע הָאפְנוּנְג מָאלְט פַאר זַייא דֶעם צוּקוּנְפְט מִיט דִיא שֶׁענְסְטֶע פַארְבֶּען , זָא צוּם בַּיישְׁפִּיל מָאלְט זִיא פַאר מִיר דִיעזֶען הֶערְלִיכֶען צוּקוּנְפְט .

אִיךְ זֶעה וִויא מִיר בֵּיידֶע זִיטְצֶען אַלְס מַאן אוּנ וַוייבּ אִין אַשַׁיין וָואהנוּנְג , אִין דְרוֹיסֶען אִיז וִוינְטֶער , עֶס שְׁנֶעעֶט אוּנ וֶועהט פִירְכְטֶערְלִיךְ אוּנ מִיר בֵּיידֶע זִיטְצֶען פַאר דֶעם בְּרֶענֶענְדֶען קַאמִין . אִיךְ לֶעז זֶעהֶער אַיין אִינְטֶערֶעסַאנְטֶען בּוּךְ וֶועלְכֶען אִיךְ הַאלְט אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד אוּנ מִיט דֶער רֶעכְטֶער גְלֶעט אִיךְ דַיינֶע גָאלְדֶענֶע לָאקֶען, דַיין שֵׁיינֶעם קָאפְּף וֶועלְכֶער אִיז אָנְגֶעשְׁפַּארְט אָן מִיר . פְּלוּצְלִינְג גְלִיטְשְׁט זִיךְ דָאס בּוּךְ פוּן מַיין הַאנְד אַרוֹיס , אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען בֶּעגֶעגְנֶען זִיךְ אוּנ אוּנְזֶערֶע לִיפֶּען קְלֶעפֶּען זִיךְ צוּזַאמֶען , מִיר פֶערְגֶעסֶען אָן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּנְז וַוייזְט אוֹיס דָאס מִיר זַיינֶען וִויא דָאס עֶרְשְׁטֶע מֶענְשֶׁען פַּאאַר אִין גַן עֵדֶן .

זָאלְכֶע בִּילְדֶער אוּנ נָאךְ פִיעל שֶׁענֶערֶע מָאלֶען זִיךְ פַאסְט יֶעדֶען אַבֶּענְד פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען, זָאגַאר אִין טְרוֹים וֶוען אִיךְ בִּין פֶערְזוּנְקֶען אִין טִיעפֶען שְׁלָאף זֶעה אִיךְ פְּרַאכְט-פָאלֶע בִּילְדֶער וֶועלְכֶע דוּא מַיין טְהַייעֶרֶע שְׁפִּיעלְסְט דִיא הוֹיפְּט רָאלְיֶע . גְלִיקְלִיכֶער צוּקוּנְפְט ! קָאם דָאךְ שְׁנֶעלֶער צוּ מִיר ! אַךְ וִויא צִיעהט עֶס מִיךְ צוּ דַיינֶע שֵׁיינֶע בִּילְדֶער , עֶס קָאן זַיין דָאס דוּא מַיינֶע טְהַייעֶרֶע רָאזַא לַאכְסְט פוּן מַיין פְלוּידֶערַייא , דוּא מָאגְסְט לַאכֶען וִויפִיעל דוּא וִוילְסְט . אָבֶער דִיעזֶע בִּילְדֶער וָואס מָאלֶען זִיךְ פַאר מִיר וֶועלֶען בַּייא

מִיר אַלְץ בְּלַייבֶּען טְהַייעֶר אוּנְד הַיילִיג, ווַייל אִיךְ זֶעה דַיין גֶעזִיכְט אִין יֶעדֶען פוּן זַייא.

מִיר ווִילְט זִיךְ נָאךְ פְּלוֹידֶערְן. מִיר אִיז זֶעהֶער אַנְגֶענֶעהם מִיט דִיר חָאטְשׁ דוּרְךְ דֶער שְׁטוּמֶער פֶעדֶער צוּ שְׁפְּרֶעכֶען, אָבֶּער אִיךְ פִירְכְטֶע דָאס אִיךְ ווֶעל דִיא פָּאסְט פֶערְשְׁפֶּעטִיגֶען, דֶערוּם ווֶעל אִיךְ דִיא אִיבֶּערִיגֶע פְּלוֹידֶערַייעֶן אָבְּלֵייגֶען אוֹיף אַנְ'אַנְדֶער צַייט.

אִיךְ גְרִיסֶע אוּנְד קִיסֶע דִיךְ פוּן ווַייטֶען, אוּנ פֶערְבְּלַייבּ דַיין, עֶווִיג דַיין

מאַקס.

35.

רָאזַא צוּ מַאקְס'ן.

ריגא 7 טען סעפטיאבר 1898.

מַאקְס! מַיין טְהַייעֶרֶער בְּרוּטִיגַאם!

אִיךְ הָאבּ גָאר בִּיז אַהֶער נִיט גֶעוואוּסְט דָאס דוּא בִּיזְט אַזַא קִינְסְטְלֶער אוּנ דוּא קָאנְסְט זָאלְכֶע פְּרַאכְטְפָאלֶע בִּילְדֶער מָאלֶען. יַא, מַיין טְהַייעֶרֶער, דָאס ווָאס דוּא רוּפְסְט אָן פְּלוֹידֶערַייא, רוּף אִיךְ אָן קוּנְסְט, דוּא ווַייסְט נִיט גָאר ווִיפִיל פֶערְגֶענִיגֶען דוּא הָאסְט מִיר פֶערְשַׁאפְט מִיט דִיא בִּילְדֶער ווָאס דוּא הָאסְט פַאר מִיר פָאר-גֶעשְׁטֶעלְט, אוּנ אוּם דִיר צוּ צַייגֶען דָאס אִיךְ בִּין קַיין קְלֶענֶערֶער פְּלוֹידֶערְזַאק פוּן דִיר מוּז אִיךְ אוֹיךְ פַאר דִיר פָארְשְׁטֶעלֶען דִיא בִּילְדֶער ווָאס מָאלֶען זִיךְ פַאר מִיר אִין דֶער צוּקוּנְפְט.

אַמָאל שְׁטֶעלְט זִיךְ מִיר פָאר ווִיא מִיר זִיטְצֶען בֵּיידֶע אִין אַשֵׁיינֶעם גָארְטֶען, צְווִישֶׁען לִיבְּרַייכֶע בּוֹימֶען. דְרוֹיסֶען אִיז זָאמֶער, אַלֶעס גְלֶענְצְט אוּנ בְּלִיהט, דִיא פֵייגֶעלַאךְ זִינְגֶען אִין כָאהר זַייעֶרֶע זִיסֶע לִיעדֶער, אוּנ מִיר פְּלוֹידֶערְן פוּן פֶערְשִׁיעדֶענֶע זַאכֶען, קָאנֶען

(שמר'ס בר'ש)

אײנֶער פוּן דֶעם צְװײטֶען דִיא בְּלִיקֶען נִיט אַבְּבײסֶען, מִיר זְשַׁאלֶעװֶען דִיא זִיסֶע מִינוּטֶען װָאס פְלִיהֶען זָא שְׁנֶעל. מִיר װָאלְטֶען דוּכְט זִיךְ עֶװִיג אַזױא גֶעזֶעסֶען, דָען פוּן יֶעדֶע קְלײנִיגְקײט שֶׁעפֶּען מִיר פֶּערְגְנִיגֶען.

אַנְ׳אַנְדֶערְשׁ מָאל שְׁטֶעלְט זִיךְ מִיר פָּאר, װִיא מִיר בֵּײדֶע װָאהנֶען אִין אַנְ׳עֶלֶעגַאנְט פֶערְפוּטְצְטֶען צִימֶער. דֶער טִישׁ אִיז װֶעהָער פֵײן גֶעגְרֵײט. פוּן קִיךְ הֶערְט מַאן דֶעם גֶערוּךְ פוּן דִיא גוּטֶע שְׁפֵּײזֶען װָאס דִיא קֶעכִין הָאט צוּגֶעגְרֵײט. אַלֶעס װַארְט נוּר אוֹיף דִיר. פְּלוּטְצְלִינְג עֶפֶענְט זִיךְ דִיא טִיהר אוּנ דוּא קוּמְסְט אַרַײן. עֶס װֶערְט לֶעבֶּענְדִיג אִין שְׁטוּבּ, דוּכְט זִיךְ אַלֶע פִּיער װֶענְד פְרֶעהֶען זִיךְ, מִיר זֶעטְצֶען זִיךְ בֵּײנַאמֶען בֵּײא דֶעם טִישׁ אוּנ פִיהלֶען זִיךְ רִיכְטִיג װִיא דוּא הָאסְט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, װִיא דָאס עֶרְשְׁטֶע פָּאאַר אִין גַן עֵדֶן.

יַא, דָאס אִיז אַלֶעס זֶעהָער שֵׁײן אוּנ רֵײצֶענְד, אָבֶּער דָאךְ זַײנֶען דָאס נִיט מֶעהר װִיא שָׁאטְטֶענְבִּילְדֶער. װִיא דֶערְלֶעבְּט מַאן שׁוֹין דִיא גְלִיקְלִיכֶע צַײט מִיר זָאלֶען אִין דֶער װִירְקְלִיכְקֵײט אִימֶער זַײן צוּזַאמֶען.

דַײנֶע גֶערִיסֶע אוּנְד קִיסֶע הָאבּ אִיךְ מִיט פֶּערְגֶענִיגֶען עֶרְהַאלְטֶען אוּנ אִיךְ שִׁיק זַײא דִיר אָפּ מִיט פְּרָאצֶענְט.

לֶעבּ װָאהל, מַײן טְהַײעֶרֶער. אִיךְ בֶּעט דִיךְ פַאנְג אָן דַײנֶע בְּרִיעפֶע צוּ שְׁרַײבֶּען אִין אַזַא צַײט װָאס דוּא זָאלְסְט נִיט דַארְפֶען פִירְכְטֶען פִיעלַײכְט װֶעסְט דוּא דִיא פָּאסְט פֶערְשְׁפֶּעטִיגֶען, פֶּערְגֶעס נִיט אַז מִיט דַײנֶע בְּרִיעף מַאכְסְט דוּא גְלִיקְלִיךְ דַײן דִיךְ לִיעבֶּענְדֶע בְּרוֹיט

ראזא.

(שטמר'ס בר"ש)

52.

פון אַחתָן צו אַכַּלָה.

בערדיטשעוו 13 טען סענטיאבר 1898.

מיינע טהייערע ליליע!

מיר זיינען פערלאַכּט! מיר גיהערען שוין איינער דעם צווייטען, דיעזער געדאַנק מאַכט מיך איבערגליקליך.

קיין מאָל איז מיר זאָ פרעהליך גיוועזען וויא היינטע, קיין מאָל וואר איך ביי זאָ איין גוטער לוינע וויא פון דער מינוט אן וואס דוא ביזט מיינע געוואָרען. ליליע, מיין הערצענס געליעבטע ליליע וועלכע איך פערגעטערע, איז מיינע ברויט? זיא וועט מיינע פרויא זיין אונ מיט איהר צוזאַמען וועל איך דעם לעבענס בריק איבער־געהען. וואס פאַר אַגליק, וואס פאר אַהימלישער גענוס!

מיר איז יעצט קיין וואונדער וואס דיא פּאָעטען האָבען זאָ פיעל בעזונגען דיא ליעבע. מיר איז קיין וואונדער וואס דיא בע־נאַכּטע ראָמאַניסטען האָבען זאָ פיעל שטאלץ צו שרייבען ראָמאַנען, איך בין יעצט צו דער איבערצייגונג געקומען דאס דיא ליעבע איז איינע אונערשעפּליכע קוועלע, זיא קאָן זאָגאר איינעם שטומען ריידענדיג מאַכען. דעם בעסטען בעווייז האָב איך, דאס וואס אויך איך, וועלכער האט קיין מאָל לאַנגע בריעף געשריעבען אונ האָב אימער בעוואונדערט דיא לייטע וואָס זיינען אים שטאַנד גרויסע לאַנגע בריעף צו שרייבען, — יאַ, אויך איך האָב פּלוצלונג בעקאָמען לוסט צו שרייבען אונ מיר שיינט אַז איך קאָן גאר אָהן אַנ'אויפהער שרייבען זאָלכע לאַנגע בריעף וואס זאָלען זאָגאר אויף דעם געדולד־דיגסטען מענשען צו לאַסט פאַלען.

אבוואָהל איך ווייס אַז דוא, מיינע טהייערע, ביזט אויך בע־גייסטערט מיט דיא זעלבע גליקליכע אידעען וואס ערפיללען יעצט מיינען קאָפּף, דאָך פירכטע איך דאס דיך פעהלט דיא געדולד

פִּיעל צוּ לֶעזֶען, דַארוּם מוּז איך מִיךְ דִיעס מָאל מִיט מַיין שְׁרַייבֶּען בֶּעשְׁרֶענְקֶען, בִּיז דוּא וֶועסְט מִיר עֶרְלוֹיבְּנִיס גֶעבֶּען אִיךְ זָאל לָאזֶען מַיין פֶּעדֶער פְרַייא אַרוּם טַאנְצֶען אִיבֶּער דָעם פַּאפִּיר.

יַא, אִיךְ מוּז מִיךְ דִיעס מָאל בֶּעשְׁרֶענְקֶען, אוּנ עֶנְדִיגֶען מַיין בְּרִיעף, מִיט קוּרְצֶע וֶוארְטֶען, נֶעמְלִיךְ אַז אִין דֶער וֶועלְט אִיז נוּר פַארַאן אֵיין גְלִיקְלִיכֶער בְּרוֹטִיגַאם אוּנ דֶער בִּין אִיךְ, דַיין עֶווִיגְלִיעבֶּענְדֶער

איזאק גראס.

53.

אַנְטְוָוארְט.

װיטעבסק 22 טען סענטיאבר 1898.

מַיין טְהַייעֶרער אִיזַאק!

אִיךְ הָאבּ דַיין לִיעבֶּען בְּרִיעף אוּנְצֶעהלִיגֶע מָאל אִיבֶּערְגֶעלֶעזֶען אוּנ וָואס מֶעהר אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעלֶעזֶען, הָאבּ אִיךְ אִין אִיהם אַלְץ מֶעהר גֶעשְׁמַאק גֶעפוּנֶען. הָאבּ אִיךְ דֶען אַגְרֶעסֶערְן וואוּנְשׁ אַלְס דָער, דוּא זָאלְסְט מִיךְ זָא הֵיים לִיעבֶּען וִויא אִיךְ לִיעבֶּע דִיךְ?

יַא, דַיין בְּרִיעף הָאט מִיר גֶעצֵייגְט דָאס מַיין וואוּנְשׁ אִיז עֶרְפִילְלְט גֶעווָארֶען. מִיר זַיינֶען בֵּיידֶע בֶּעזָעעֶלְט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער לִיעבֶּע. אוּנז בֵּיידֶען בֶּעלֶעבֶּען אֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, גָאטט זָאל גֶעבֶּען מִיר זָאלֶען אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבֶּען זָא צוּגֶעבּוּנְדֶען זַיין אֵיינֶער צוּם צְווייטֶען וִויא יֶעצְט. דוּא פְּרֶעגְכְט מִיךְ, אוֹיבּ אִיךְ עֶרְלוֹיבּ דִיר פִּיעל צוּ מִיר צוּ שְׁרַייבֶּען? אוֹיף דֶעם קָאן אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערֶען: נִיט נוּר אִיךְ עֶרְלוֹיבֶּע דָאס דִיר, זָאנְדֶערְן אִיךְ בֶּעפֶּעהלֶע עֶס דִיר אִין דֶעם נָאמֶען פוּן אוּנְזָער רֵיינֶע שְׁטַארְקֶער לִיעבֶּע. שְׁרַייבּ וָואס מֶעהר, דַיינֶע בְּרִיעפֶע זָאלֶען וָואס לֶענְגֶער זַיין אוּנ אִיךְ וָועל פוּן זֵייא אַלְץ מֶעהר פֶערְגֶענִיגֶען הָאבֶּען.

(שמרם ברו״ש)

עֶנְטְשׁוּלְדִיגֶע מִיר מַיין לִיעבֶּער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר זָא וֶועניג. מַיין פַאנְטַאזִיֶע אִיז נִיט זָא רַייךְ וִויא דַיינֶע. מַיין פֶעדֶער אִיז נִיט זָא פְלִיעסִיג וִויא דַיינֶע, אָבֶּער אִיךְ פֶערְזִיכֶערֶע דִיךְ דָאס דִיא קִינְפְטִיגֶע בְּרִיעף מַיינֶע וָועלֶען זַיין גְרֶעסֶערֶע אוּנ רַייכֶער אִין אִינְהַלְט. אִיךְ פֶערְבְּלַייבֶּע דַיין גֶעטְרַייֶע דִיךְ הַייסְלִיעבֶּענְדֶע בְּרוּיט

לִילִיע קאהן.

54.

בְּרִיעף פִיר גֶעשֶׁעפְטְס-לַייטֶע.

ביאליסטאק 2 טען יאנוואר 1898.

וָוערְטְהֶער הָערר ח׳ דיקשטיין!

עֶס פְרַייט מִיר אַייךְ מִיטְהֵיילֶען, דָאס אִיךְ הָאבּ אַיין גֶעשֶׁעפְט עָרְעֶפְנֶעט פָאן ··· אוּנְד הָאפֶּע, דַארוּם מִיט אַייךְ אִין הַאנְדֶעל אַרַיינְגֶעהן.

אִיךְ דֶענְק, דָאס אִין אַייעֶר גֶעשֶׁעפְט גֶעפִינֶען זִיךְ דִיא אַלֶע וַואאַרֶען וֶועלְכֶע אִיךְ נֶעטְהִיג הַארְף, אוּנְד אִיךְ וֶוערְדֶע אִיהנֶען זֶעהר דַאנְקְבַּאר זַיין וֶוען זִיא וֶוערְדֶען מִיר אִיהרֶען ַקאטָאלָאג פָאן וַואאַרֶען אַרַיינְשִׁיקֶען אוּנְד אוֹיךְ בֶּעצַייכְנֶען דִיא בִּילִיגְסְטֶע פְּרַייזֶען וֶועלְכֶע זִיא פִיר גֶעשֶׁעפְטְס-לַייטֶע רֶעכְנֶען.

עֶרְוַוארְטֶענְד אִיהרֶען אַנְטְוָוארְט, פֶערְבְּלַייבֶּע אִיךְ

אכטונגספאל נחום יאנאווסקי

55.

אַנְטְוָואָרְט.

אָדעססא 10 טען יאַנוואַר 1898.

וָוערְטְהֶער הֶערר נ׳ יאַנאַווסקי!

אִיהרֶען בְּרִיעף הָאבֶּע אִיךְ פִּינְקְטְלִיךְ עֶרְהַאלְטֶען, אוּנְד עֶס פְּרֵייט מִיר וִוירְקְלִיךְ זִיא אַלְס מֵיינֶען אֵיין קוּנְד בֶּעטְרַאכְטֶען.
הִיעְרְמִיט שִׁיקְ אִיךְ אִיהנֶען מֵיין קַאטָאלָאג פָאן דִיא פֶערְשִׁיעדֶענֶע וַואאַרֶען וִויא אוֹיךְ דִיא פְּרַייז לִיכְטֶע.
הָאפֶענְד דָאס זִיא וָוערְדֶען מִיט דֶען וָועלְכֶען צוּפְרִיעדֶען זַיין, אוּנְד עֶרְוַוארְטֶענְד אִיהר וָוערְטְהָע בֶּעשְׁטֶעלוּנְג, וָועלְכֶע וִוירְד פִּינְקְטְלִיךְ אויסְגֶעפִיהרְט וָוערְדֶען,
פֶערְבְּלֵייבֶּע אִיךְ, מִיט דַאנְק

אכטונגספאל חיים דיקשטיין.

56.

בֶּעשְׁטֶעלוּנְג אוֹיף פֶערְשִׁיעדֶענֶע וַואאַרֶען.

קאָוונא 3 טען פעווראל 1898.

וָוערְטְהֶער הֶערר ליאסבערג!

אֵייעֶרֶע וַואאַרֶען אוּנְד פְּרֵייזֶען גֶעפֶעלֶען מִיר, אוּנְד אִיךְ דֶענְק דָאס וִויר וָוערְדֶען גֶעשֶׁעפְטֶע מַאכֶען; אַבֶּער אִיךְ מוּז בֶּעמֶערְקֶען, דָאס אִיךְ פֶערְלַאנְג אֵיין סְפֶּעצְיַאל בְּרָאצֶענְט אוֹיף גְרָאסֶע בֶּעשְׁטֶעלוּנְגֶען, וָועלְכֶע אִיךְ אִיהנֶען שִׁיקֶען וֶוערְדֶע.
פָארְלֵייפִיג שִׁיק אִיךְ אֵייךְ פָאלְגֶענְדֶע בֶּעשְׁטֶעלוּנְג. (שְׁרֵייבְּט אוֹיס וָואס פִיר וַואאַרֶען אִיהר דַארְפְט).

(שטר׳ס בר״ש)

אִיךְ מוּז אַייךְ בֶּעטֶען דָאס אִיהר וָואלְט עֶס זָא פָּארְט צוּ מִיר אַרוֹיסְשִׁיקֶען, דֶען אִיךְ גֶעטְהִיג זִיךְ וָעהר אִין דִיעזֶע וַואאַרֶען.

מיט גרוסס דוד בינשטאק.

57.

אַנְטְוָוארְט.

צאריצין 12 טען פעברואר 1898.

וָוערְטְהֶער הֶערר דוד בינשטאק!

אִיהרֶע בֶּעשְׁטֶעלוּנְג הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטֶען. גֶעבְּסְטֶע וָואכֶע וֶוערְדֶען זִיא אַלֶעס פִּינְקְטְלִיךְ עֶרְהַאלְטֶען.

אִיךְ הַאבֶּע נָאכְגָעדֶענְקְט וֶוענֶען אִיהרֶע פֶּערְלַאנְג פָאן אַיין סְפֶּעצִיַאלֶען פְּרָאצֶענְט אוֹיף גְרוֹיסֶע בֶּעשְׁטֶעלוּנְגֶען, אוּנְד אִיךְ הָאבּ בֶּעשְׁלָאסֶען אִיהנֶען 5 (אָדֶער אַנ׳אַנְדֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעטְהִיג) פְּרָאצֶענְט אַרוּנְטֶער גֶעבֶּען אוֹיף בֶּעשְׁטֶעלוּנְגֶען פָאן אִיבֶּער צְוַייא הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל.

הָאפֶּענְד זִיא וֶוערְדֶען מִיט אַלֶען צוּפְרִיעדֶען זַיין, בִּין אִיךְ אַייעֶר עֶרְגֶעבֶּענְסְטֶער פְרַיינְד

ש׳ ליאסבערג.

58.

עֶמְפְּפַאנְגְס אַנְצֵייגֶע.

קאוונא 25 טען פעברואר 1889.

וָוערְטְהֶער הֶערר בַּאטְנֶער!

דִיא בֶּעשְׁטֶעלוּנְג אִיזְט הַייטֶע אָנְגֶעקָאמֶען. אִיךְ בִּן וָעהר

צוּפְרִיעדֶען פוּן דָער פִּינְקְטְלִיכְקֵייט מִיט וֶועלְכֶע אַלֶעס וֶוערְט בַּייא
אַייךְ גֶעטָאהן.

אִיךְ בִּין פָאן אַלֶעס הֶעכְסְט צוּפְרִיעדֶען אוּנְד גֶעה אוֹיךְ אַיין
אוֹיף דֶעם פְּרָאצֶענְט וֶועלְכֶען אִיהר גִיט מִיר פָאן גְרוֹיסֶע בֶּעשְׁטֶעלוּנְגֶען.

דָאס גֶעלְד, הָאף אִיךְ, הָאט אִיהר אוֹיף מַיין אַנְוַויְיזוּנְג גֶע-
קְרִיעגֶען. קִינְפְטִיגֶע וָואכֶע, שִׁיק אִיךְ אִיהנֶען נָאךְ אַיין בֶּעשְׁטֶעלוּנְג.

מיט גרוסס בנימין נוסבוים.

59.

קְרֶעדִיט קָאנְדִיצִיָאן.

סמאלענסק 5 טען מארץ 1898.

וָוערְטְהֶער הֶערר נ׳ ליובאטינסקי!

זָא וִויא מִיר זַיינֶען שָׁאן מֶעהר אָדֶער וֶוענִיגֶער בֶּעקַאנְט, אוּנְד בֵּיידֶע הָאבֶּען וִויר שָׁאן אַיין הִיבְּשֶׁע צַייט גֶעהַאנְדֶעלְט צוּ דֶער פִּילֶעם צוּפְרִיעדֶענְהַייט פוּן יֶעדֶען פוּן אוּנְז, דַארוּם נֶעהם אִיךְ זִיךְ דִיא פְרַייהַייט יֶעצְט מִיט אַייךְ וֶועגֶען אַיין זֶעהר וִויכְטִיגֶען פּוּנְקְט צוּ רֵיידֶען. אִיךְ דֶענְק, דָאס זִיא, אַלְס גֶעשֶׁעפְטְס-מַאן, וִויסֶען זֶעהר גוּט דָאס קַיין גֶעשֶׁעפְטֶע קָאן אָהנֶע קְרֶעדִיט עֶקְזֶעסְטִירֶען. אִיךְ וִויל דַארוּם פוּן יֶעצְט מִיט אִיהנֶען אַיין קָאנְדִיצְיָאן וֶועגֶען צָאהלוּנְגֶען פוּן רֶעכְנוּנְגֶעז אַיינְפִיהרֶען, אוּנְד גֶעמְלִיךְ, דָאס צָאהלוּנְגֶען זָאלֶען אִין 30 טַאגֶע נָאךְ דֶעם עֶרְהַאלְטֶען פָאן וַואַארֶע גֶעמַאכְט וֶוערְדֶען.

אִיךְ הָאפֶע דָאס אִין דֶער קוּרְצֶער צַייט פָאן אוּנְזֶער הַאנְדֶעל הָאבּ אִיךְ אִיהנֶען קַיינֶע אוּרְזַאכֶען גֶעגֶעבֶען מִיר נִיכְט צוּ טְרוֹיעֶן. אִין גֶעגֶענְטְהֵייל ··· אִיךְ רֶעכֶען דַארוּם דָאס זִיא וֶוערְדֶען מַיין קָאנְ-דִיצְיָאן, וֶועלְכֶע אִיז אוֹיךְ זֶעהר אַלַייכְטֶע, אַנְנֶעמֶען.

עֶרְוַוארְטֶענְד אִיהרֶען אַנְטְוָוארְט — פֶּערְבְּלַייבּ אִיךְ אַייעֶר פְרַיינְד
ל׳ פיינמאן.

(שטר׳ם בר״ש)

60.

בְּרִיעף פָאן גֶעשֶׁעפְטְס-לַייטֶע צוּ קוּנְדֶען.

פּאָלטאווא 15 טען מארץ 1898.

וָוערְטְהֶער הֶערר שמואל בערעזאווסקי!

איך נֶעהם זיך דיא פְרַייהַייט אוּנְד פֶערְגֶענִיגֶען אַייך צוּ בֶּע-נַאכְרִיכְטֶען דָאס אִיך הָאבּ מַיין גֶעשֶׁעפְט פִּיעל פֶערְגְרֶעסֶערְט. הָאבֶּענְדִיג יֶעצְט אַלֶע נֶעטְהִיגֶע אוּנְד בֶּעסְטֶע וַואארֶען, אוּנְד אוֹיךְ אַיין זֶעהר בֶּעקְוֶועמֶען פְּלַאטְץ, הָאפֶּע אִיךְ אִים שְׁטַאנְדֶע זַיין, אַלֶע מַיינֶע וֶוערְטְהֶע קוּנְדֶען אוֹיף דֶעם הֶעכְסְטֶען גְרַאד צוּפְרִיעדֶען צוּ שְׁטֶעלֶען.

דַאנְקֶענְדִיג פִיר אִיהרֶע בִּיזְהֶערִיגֶע קוּנְדְשַׁאפְט אוּנְד עֶרְוַוארְטֶענְדִיג אִיהרֶע וַוייטֶערִיגֶע פְּרָאטֶעזְשִׁירוּנְג — פֶערְבְּלַייבֶּע אִיךְ

האכאכטונגספאל מ׳ רובינשטהאל.

61.

אֵיינֶע בֶּעשְׁטֶעלוּנְג.

ריגא 3 טען אפריל 1898.

וֶוערְטְהֶער הֶע״ר ה׳ לעוו!

הִיערְמִיט שִׁיק אִיךְ אַייך אַיין גֶעלְד אָנְוַוייזוּנְג אוֹיף 200 רוּבֶּעל אוּנְד עֶרְזוּכֶע זִיא מִיר אַרוֹיסְצוּשִׁיקֶען פָאלְגֶענְדֶע אַרְטִיקְלֶען, זָא גְלַייךְ זִיא וֶוערְדֶען מַיין בְּרִיעף עֶרְהַאלְטֶען.

(רֶעכִין אוֹים דִיא אַרְטִיקְלֶען)

אכטונגספאל פ׳ טייטעלבוים.

(שמד״ס בר״ש)

62.

אַבְּרִיעף מִיט אַרֶעכְנוּנְג.

חערסאן 10 טען אפריל 1898.

וָוערְטְהֶער הֶערר לעווין!

הִיערְמִיט פִינְדֶען זִיא דִיא רֶעכְנוּנְג פִיר דִיא וַואַרֶע דִיא אִיךְ הָאבּ אִיהְנֶען גְעשִׁיקְט. בִּיטָע מִיר דָאס גֶעלְד אָבּ צוּ שִׁיקֶען

אכטונגספאל ד׳ קעלמאן.

63.

צוּרִיקְזֶענְדוּנְג דֶער עֶרְהַאלְטֶענֶע וַואַרֶען.

ווארשא 18 טען אפריל 1898.

וֶוערְטְהָער הֶערר ז׳ יאנאווסקי!

דִיא וַואַרֶע הָאבֶּע אִיךְ עֶרְהַאלְטֶען, עֶס טוּט מִיר אָבֶּער לֵייד אַייךְ צוּ שְׁרַייבֶּען, דָאס אִיהר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט נִיט דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָאדֶערְט. נוּר אַיין קְלֵיינֶע טְהֵייל קָאן מִיךְ נוּטְצֶען. אִיךְ שִׁיק אַייךְ דִיא אִיבֶּעריגֶע צוּרִיק, אוֹיךְ דָאס גֶעלְד פִיר דִיא וַואַרֶע דִיא אִיךְ נֶעהמֶע צוּ. אִיךְ בֶּעט, דָאס וַוייטֶער זָאלְט אִיהר מֶעהר אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט שֶׁענְקֶען צוּ דִיא בֶּעשְׁטֶעלוּנְגֶען.

אכטונגספאל ב׳ ניימארק.

64.

גֶעלְד פָאדֶערוּנְג.

קישענעוו 5 טען מאי 1898.

וֶוערְטְהֶער הֶערר נ׳ מערקאוויץ!

שָׁאן מֶעהרֶערֶע מָאל הָאבּ אִיךְ אַייךְ רֶעכְנוּנְגֶען גֶעשִׁיקְט פִיר

דָאס גֶעלְד וָואס מִיר קָאמְט פָאן אִיהנֶען, אוּנְד אִיהר אַנְטְ־ווָארְטֶעט נִיכְט.

עֶס טוּט מִיר זֶעהר לֵייד אַייךְ צוּ שְׁרַייבֶּען, דָאס אִין פַאל זִיא אוֹיף מַיין יֶעצְטִיגֶען בְּרִיעף נִיכְט אַנְטְווָארְטֶען, אוּנ דִיא רֶעכְנוּנְג נִיכְט קְווִיטִירֶען, דַאן וֶוערְדֶע אִיךְ גֶעצְווָאוּנְגֶען זֵיין דוּרְךְ גֶערִיכְט מַיין גֶעלְד קָאלֶעקְטִירֶען.

הָאפֶענְד דָאס זִיא וֶוערְדֶען נִיכְט צוּ לַאסֶען וִויר זָאלֶען זָא ווַייט גֶעהן, פֶערְבְּלַייבֶּע אִיךְ

אכטונגספאלל ד׳ פרידמאן.

65.

אַנְטְוָוארְט.

ווארשא 15 טען מאי 1898.

וֶוערְטְהֶער הֶערר ד׳ פרידמאן!

אַייעֶר בְּרִיעף פוּן דֶעם (דַאטוּם) אוּנְד רֶעכְנוּנְג הָאבֶּע אִיךְ עֶרְהַאלְטֶען. אִיךְ גֶעשְׁטֶעה דָאס אִיהר זַייט פָאלְקָאמֶען גֶערֶעכְט, אַבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ נִיט מַיין שׁוּלְד, דָאס אִיךְ אִיהנֶען נָאךְ בִּיז יֶעצְט נִיכְט בֶּעצָאהלְט הָאבֶּע. אִיךְ הָאבּ עֶרְווַארְטֶעט יֶעדֶען טַאגֶע דִיא מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ הָאבֶּען אִיהנֶען דָאס גֶעלְד, מִיט גְרָאסֶען דַאנְק, צוּ בֶּעצָאהלֶען, אָבֶּער עֶס אִיז נִיכְט אִימֶער וִויא מֶען עֶס ווִינְשֶׁען קָאן, מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶע גֶעהֶען נִיכְט גוּט, אוּנְד מִיר אִיזְט אוּנְמֶעגְלִיךְ מַיינֶע גְרָאסֶע וִויא אוֹיךְ קְלֵיינֶע שׁוּלְדֶען צוּ קְווִיטִירֶען. אִיךְ הָאפֶע אבֶער דָאךְ אִין אַיין קוּרְצֶער צַייט דִיא מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ הָאבֶּען אַלֶעס אִין אָרְדֶענוּנְג צוּ בְּרֵיינְגֶען.

אִיךְ בִּיטֶע זִיא, לִיעבֶּער פְרֵיינְד, נָאךְ אַיין קוּרְצֶע צַייט גֶעדוּלְדִיג צוּ זַיין, אִיךְ וֶוערְדֶע אִיהנֶען מִיט פִילֶע דַאנְקֶען בֶּעצָאהלֶען. אִיךְ הָאף זִיא וֶוערְדֶען ווַארְטֶען. — פֶערְבְּלַייבּ מִיט גְרוֹסס אִיהר פְרַיינְד

אייזיק קראנץ.

(שמר׳ס בר״ש)

66.

אײנלַאדונגְס בְּרִיעף.

בריסק 27 טען מאי 1898.

וָוערְטְהֶער הָערר צ׳ זאלצמאן!

זַייא וָוערְדֶע עֶנְטְשׁוּלְדִיגֶען מַיין פְּרַייהַייט וָוען אִיךְ זִיא עֶרְבִּיטֶען וָוערְדֶע, הַייטֶע מִיךְ אוּם 3 אוּהר נָאךְ מִיטָאג צוּ בֶּעזוּכֶען.

אִיךְ הָאבֶּע אִיהנֶען וִויכְטִיגֶעס, וָועגֶען גֶעשֶׁעפְטְס אַנְגֶע־לֶעגֶענְהַייטֶע צוּ שְׁפְּרֶעכֶען, אוּנְד אוֹיךְ וִויל אִיךְ זִיךְ מִיט אִיהנֶען בֶּערַאטְהֶען וָועגֶען זֶעהר וִויכְטִיגֶע פּוּנְקְטֶען.

עֶרְוַוארְטֶענְדִיג זִיא, אוּנְד הָאפֶּענְד אוֹיף אַייעֶר פִּינְקְטְלִיכֶען קָאמֶען, פֶּערְבְּלַייבּ אִיךְ אִיהר פְּרַיינְד

ד׳ גליק.

67.

אײנֶע רֶעקָאמֶענְדַאצְיָאן.

קאוונע 3 טען יון 1898.

וָוערְטְהֶער הָערר ג׳ שלאסבערג!

דֶער אִיבֶּערְבְּרַיינְגֶער דיעזֶעס בְּרִיעפֶעס הָערר··· וַואר אִין מַיין גֶעשֶׁעפְט אַלְס בּוּכְהַאלְטֶער אַנְגֶעשְׁטֶעלְט פִיר דִיא לֶעצְטֶע דְרַייא יַאהְרֶע, אוּנְד עֶס פְרֵייט מִיר צוּ זָאגֶען, דָאס אִיךְ הָאבּ אִיהם אִימֶער אַלְס פְלֵייסִיגֶען אָרְדֶענְטְלִיכֶען אוּנְד רַאיֶעלֶען מֶענְשֶׁען קֶענֶען גֶעלֶערְנְט.

וִויסֶענְד דָאס זִיא אֵיינֶען זָאלְכֶען מֶענְשֶׁען זוּכֶען, עֶרְלוֹיבּ אִיךְ מִיר אִיהנֶען דִיעזֶען הֶערְן רֶעקָאמַאנְדִירֶען, אוּנְד אִיהם אַלְס טְרֵייֶען דִיענֶער פָּארְצוּשְׁטֶעלֶען.

(שמר׳ם גר״ש)

האָפֿענד דָאס זיא וָוערדֶען איהם נָאך אִיהרֶען פֿערלַאנגֶען פִינדֶען אוּנד פֶערבְּלַייבֶּענד גְלִיקְלִיך דַאמִיט, וָואס אִיך אִיהנֶען דיענֶען קֶענְטֶע,

פערבלייב איך מים גרוסס א׳ זעלמאנאוויץ.

68.

אום אַיינֶע גֶעלְד אַנְלַייהֶע (הַלְוָאָה).

וֶוערְטְהָער הָערר מ׳ ראבינאוויץ!

אויב עֶס אִיז מֶעגְלִיך, דָאס אִיהר זָאלְט מִיר דִיא סוּמְמֶע פָאן 300 רוּבֶּעל אוֹיסְבָּארְגֶען אוֹיף אוּנְגֶעפֶער צְוַויא מָאנַאטֶען, וָועט אִיהר מִיר ווירְקְלִיך אַיין זֶעהר גְרָאסֶען גֶעפַאלֶען טָאהן. אִיך בִּין גְרַאדֶע אִין פֶערְלֶעגֶענְהַייט אוּנְד הָאף דוּרְך אִיהר הִילְפֶע דַאפָאן אַרוֹים. אִיך מוּז אָבֶער בֶּעמֶערְקֶען, לִיעבֶּער פְרַיינְד, דָאס אויב עֶס אִיזְט פִיר זִיא שְׁוֶוער דָאס צוּ טָאהן, דַאן זָאלְט אִיהר זִיך דָאך וָועגֶען דֶעם נִיכְט קִימֶערְן אוּנְד מִיר זָא פָארְט וויסֶען לַאסֶען, אום אִיך זָאל קֶענֶען דִיא מִיטֶעל פוּן אִירְגֶענְד אַנְדֶערֶע קְוֶועלֶע פֶערְשַׁאפֶען.

עֶרְוַוארְטֶענְד אִיהרֶען אַנְטְוָוארְט, פֶערְבְּלַייבֶּע אִיך מִיט הֶערְצְלִיכֶען גְרוּסס

יצחק לעווינשטיין.

69.

אַנְטְוָוארְט.

וֶוערְטְהֶער פְרַיינְד יצחק לעווינשטיין!

אִיהר בְּרִיעף הָאבֶּע אִיך עֶרְהַאלְטֶען, עֶס טוּט מִיר לַייד דָאס אִיך בִּין נִיט אִים שְׁטַאנְדֶע אַייך דִיא פָאלֶע סוּמְמֶע צוּ שִׁיקֶען, אָבֶּער דִיא הֶעלְפְטֶע שִׁיק אִיך אִיהנֶען מִיט פֶערְגֶעניגֶען, אוּנְד אִיך הָאף עֶס ווירְד אִיהֶען פוּן אִיהרֶער פֶערְלֶעגֶענְהַייט הֶעלְפֶען.

מיט ברודער גרוסס מ׳ ראבינאוויץ

ענדע.

(שמד׳ס בר״ש)

פָּארְמֶען פוּן שְׁטָרֵי חוֹבוֹת,

1) נוסח פון איין שטר"ח מיט א זמן פרעון:

מגיע ממני הה"מ לר' יצחק פינקעלשטיין סך חמש מאות רובל זאגע R. S. 500 שקבלתי לידי במזומנים עפה"ע כתקון מור"ם ז"ל לשלם לזמן לא יאוחר מיום המשה עשר באב שנה זאת וכדתנ"מ לבעהש"ט אף לאחר זמן פרעון בלי שו"ש וג"ש וקב"ח בעולם ונתפשרתי עם בעהש"ט בעד חלקו הרויח פר"צ המשה למאה לשנה. ולראי' באתי עה"ח יום ג' חמשה עשר לחדש סיון שנת תרנ"ח פה קעשינעוו.

נאום אברהם ב"ר יצחק פינקטליך.

---

2) נוסח פון איין שט"ח אהן אזמן פרעון:

מגיע ממני הה"מ לר' יצחק פילשטיין סך חמש מאות רובל זאגע R. S. 500 שקבלתי לידי במזומנים עפה"ע כתקון מור"ם ז"ל ומחויב אנכי לשלם לו בכל עת שידרש בעהש"ט מידי או לארדרע שלו בלשו"ש וג"ש וקב"ה בעולם וכדת"נ לבעהש"ט או לארדרע שלו. הרויח פר"צ עשרה למאה לפי ערך הזמן. ולראי' באתי עה"ה יום א יום שלישי להדש ניסן שנת תרנ"ה פה ווארשא.

נאום יעקב זילבער.

א נוסח פון א שלישית.

הושלש תחת ידי סך שלשת אלפים רובל זאגע R. S. 3000 השייך להזוג ההתן ה' יעקב דוד ב"ר שמחה פיינשטיין והכלה מרת דבורה אסתר בת ה' שאול גרינטאהל. הסך הנ"ל קבלתי עפה"ע כתקון מור"ם ז"ל על ריוח פר"צ ארבעה למאה לפי ערך הזמן

וכדת"נ להזוג הנ"ל ולבאי כחם נגדי הה"מ לעולם. ושטר שלישית כזה מסרתי גם כן לצד השני ואין אני הח"מ רשאי לתת לא הקרן ולא הריוח לאחד מהצדדים טרם יביאו שני שטרי השלישית לידי. ולראיה באתי עה"ח יום א' כ"ח סיון שנת תרנ"ח ריגא:

נאום אהרן מארקוס.

נוסח פון א תנאים ראשונים.

למז"ט יעלה ויצמח כגן רטוב, מצא אשה מצא טוב,
ויפיק רצון מ"ה הטוב.

המגיד מראשית אחרית הוא יתן שם טוב ושארית לאלה דברי התנאים והברית שנדברו והותנו בין הני תרי הצדדים, היינו מצד האחד ה"ה הרבני ה' שמואל ב"ר חיים גליקמאן, העומד מצד בנו הבחור המופלא כמ"ר צבי, ומצד השני ה' הרבני מו"ה יהודה ב"ר מאיר העומד מצד בתו הבתולה מרת מרים תחי'.

ר"ד ה"ה הבחור החשוב כמ"ר צבי ישא למז"ט את הבתולה מרת מרים בחופה ובקדושין כדת משה וישראל, ואל יבריחו ואל יעלימו לא זה מזו ולא זו מזה שום הברחה בעולם רק ידורו באהבה ואחוה והיבה ריעות, וישלטו בנכסיהן שוה בשוה כאורח כל ארעא.

ה"ה הרבני מו"ה שמואל ב"ר חיים גליקמאן אבי החתן התחייב א"ע להפריז נדן לבנו סך אלף רובל להשליש ביד שליש המרוצה לשני הצדדים. סך שבע מאות רובל ישליש תיכף עת כתיבת התנאים ושלש מאות רובל ישליש שני שבועות קודם החופה, ומחויב להלביש את החתן במלבושי כבוד בגדי שבת ויו"ט וחול כנהוג ומתנות להכלה כנהוג, גם התחיב לתת מזונות ע"ש להזוג משך שנה אחת אחרי כלות שלשת שנות ארוחתם ע"ש אבי הכלה.

ה"ה הרבני מו"ה יהודה ב"ר מאיר אבי הכלה התחייב א"ע להפריז נדן לבתו סך שני אלפים רובל להשליש ביד שליש המרוצה לשני הצדדים, וזמן השלשה על ראטעם היינו אלף והמש מאות רובל עת כתיבת התנאים והמש מאות רובל שני שבועות קודם החופה עת אשר ישליש אבי החתן את השלש מאות רובל שלו. ומחויב להלביש את הכלה במלבושי כבוד בגדי שבת ויו"ט והול כנהוג מ"מ צור"ד טו"ק ומתנות להחתן כנהוג גם התחיב לתת מזונות ע"ש להזוג משך שלש שנים תיכף אחר החופה.

הרתונה תהיה אי"ה למז"ט בשבת נחמו שנה זאת על הוצאות אבי הכלה, רח"ש וכל"ז לחצאין, קנס מצד העובר לצד המקיים חצי נדן, הקנס לא יפטור וכו'. הע"ק מצד החתן ה"ה הרבני הנגיד מו"ה שמעון ב"ר יוסף ומצד הכלה מו"ה אליעזר ב"ר שלום והצדדים מחויבים לפצות את הע"ק שלא יגיע להם שום היזק ח"ו, וקנינא מהצדדים ומהחתן והכלה על כל הא דכתוב ומפורש לעיל במנא דכשר למקני ביה

והכל שריר וקים.

אור ליום א' ששה ימים להודש תמוז שנת תרנ"ח פה סלוצק.

נאום בנימין ב"ר יצחק אייזיק גארדאן

נאום יוסף ב"ר יחזקאל לעוויט

וליתר היזק ועז באו החתן והכלה בעצם ידם עה"ח יום הנ"ל שנת הנ"ל פ"ק הנ"ל.

נאום (החתן)

נאום (הכלה)

(עמוד גר"ש)

כתובה דבתולתא.

(בשלישי) בשבת (ארבעה עשר) ימים להודש (מנחם אב) שנת המשת אלפים ושש מאות (חמשים ושמונה) לבריאת עולם למנין שאנו מונין כאן עיר (ווילנא) איך שמורנו (ה׳ דוד ב״ר שמעון) אמר לה להדא בתולתא (מרת אסתר) בת ה׳ (שלמה) הוי לי לאנתו כדת משה וישראל ואנא אפלח ואוקיר ואיזון ואפרנס יתיכי ליכי כהלכת גוברין יהודאין דפלחין ומוקרין וזנין ומפרנסין לנשיהון בקושטא: ויהיבנא ליכי מוהר בתוליכי כסף זוזי מאתן דחזי ליכי מדאורייתא ומזוניכי וכסותותיכי וספוקיכי ומיעל לותיכי כארח כל ארעא, וצביאת מרת (אסתר) בתולתא דא והוית ליה לאנתו. ומין נדוניא דהנעלת ליה מבי (אבוה) בין בכסף בין בדהב ובין בתכשיטין במאני דלבושא בשמושי דירה ובשמושי דערכא הכל קבל עליו מורנו ר׳ (דוד ב״ר שמעון) חתן דנן במאה זקוקים כסף צרוף וצבי ר׳ (דוד) חתן דנן והוסיף לה מן דיליה עוד מאה זקוקים כסף צרוף אחרים כנגדן. סך הכל מאתים זקוקים כסף צרוף וכך אמר מורנו ר׳ (דוד) התן דנן אחריות שטר כתבתא דא נדוניא דין ותוספתא דא קבילת עלי ועל ירתי בתראי להתפרע מכל שפר ארג נכסין וקנינין דאית לי תחות כל שמיא דקנאי ודעתיד אנא למיקנא: נכסין דאית להון אחריות ודלית להון אחריות כלהון יהון אחראין וערבאין לפרוע מנהון שטר כתובתא דא נדוניא דין ותוספתא דא מנאי ואפילו מן גלימא דעל כתפאי בחיי ובמותי מן יומא דנן ולעלם. ואחריות שטר כתובתא דא נדוניא דין ותוספתא דא קבל עליו ר׳ (דוד) התן דנן כחומר כל שטרי כתובות דנהיגין בבנת ישראל העשוין כתקון חז״ל דלא כאסמכתא ודלא כטופסי דשטרי. וקנינא מן מורנו ר׳ (דוד ב״ר שמעון) חתן דנן למרת (אסתר) בת ה׳ (שלמה) בתולתא דא על כל הא דכתוב ומפרש לעיל במנא דכשר למקניא ביה

והכל שריר וקים.

נאום . . .

נאום . . .

(שמר׳ס בר״ש)

כתובה דאירכסא.

מה דהות קדמנא (בששי) בשבת (חמשה עשר) לחודש (סיון) שנת חמשת אלפים ושש מאות (חמשים וששה) לב"ע למנין שאנו מונין כאן עיר (גראדנא) שמורנו ר' (פנחס ב"ר יואל) אתא לקדמנא ואמר לנא הדא מרת (שרה רבקה בת ר' צבי הירש) כד הוית בתולתא אנסיבת לי לאנתו מן קדמת דנא במתא (מינסק) כהלכות בנות ישראל דמתנסבין לגובריהון בחופה וקידושין ובכתובה וכדין אירכס לה שטר כתובתא דהוה כתב לה מנאי מיומא דאתנסבית לי ואמרו רבנן דאסור לבר ישראל לשהויי עם אנתתיה בלא כתובה אפילו שעתא חדא וכען בעינא למכתב לה כתובתא אחריתא בהריקא דכתובתא קמייתא נדוניא ותוספתא דילה. ובכן אנחנו סהדי דהתימו לתהות קנינא מיניה השתא כי סהדי קמאי דחתימו תחות כתובתא קמייתא דאירכסא ליתנהו וזמן כתובתא לא ידענא וכתבנו לה כתובתא דא חלופי כתובתא קמייתא מיומא דנן ובלישנא דאמר לנא דהוית כתיבא כתובתא קמייתא דאירכסא איך שמורנו ר' (פנחס ב"ר יואל) אמר לה להדא אנתתיה מרת (שרה רבקה) כד הוית (בתולתא) מן קדמת דנא הוי לי לאנתו כדת משה וישראל ואנא אפלח ואוקיר ואיזון ואפרנס יתיכו ליכי כהלכות גוברין יהודאין דפלחין ומוקירין וזנין ומפרנסין לנשיהון בקושטא, ויהיבנא ליכי (מוהר בתוליכי) כסף זוזי (מאתן) דחזי ליכי (מדאוריתא) ומזונייכי וכסותייכי וסיפוקייכי ומיעל לוותייכו כאורח כל ארעא צביאת מרת (שרה רבקה) דא דהוית בתולתא מן קדמת דנא והוית ליה לאנתו ודין נידוניא דהנעלת ליה מדי (אבוה) בין בכסף בין בזהב בין בתכשיטין במאני דלבושא בשימושי דירה ובשימושי דערסא הכל קבל עליו ר' (פנחס ב"ר יואל התן) דנן (במאה) זקוקים כסף צרוף וצבי ר' (פנחס ב"ר יואל) דנן והוסיף לה מן דיליה עוד (מאה) זקוקים כסף צרוף אחרים כנגדן סך הכל (מאתים זקוקים) כסף צרוף וכך אמר ר' (פנחס) דנן אחרית שטר כתובתא דא נדוניא דין ותוספתא דא קבלית עלי ועל ירתי בתראי להתפרע מכל שפר ארג נכסין וקנינין דאית לי תחות כל שמיא דקנאי ודעתיד אנא למקני

נכסין דאית להון אחריות ודלית להון אחריות כלהון יהון אחראין וערבאין לפרוע מנהון שטר כתובתא דא נידוניא דא ותוספתא דא ואפילו מן גלימא דעל כתפאי בחיים ובמות מן יומא דנן ולעלם ואחריות שטר כתובתא דא ותוספתא דין קיבל עליו רבי (פנחס) דנן כחומר כל שטרי כתובות ותוספתות דנהגין בבנות ישראל העשוין כתיקון חז"ל דלא כאסמכתא ודלא כטופסי דשטרי וקנינא מן רבי (פנחס ב"ר יואל) דנן למרת (שרה רבקה בת ר' צבי הירש) דא דהוית (בתולתא) כד אתנסבית ליה בקדמותא ככל מה דכתוב ומפורש לעיל במאנא דכשר למקניא ביה

והכל שריר וקים.

נאום . . .

נאום . . .

Образецъ срочнаго векселя.

Городъ Одесса 2-го Апрѣля 1898 года.

Вексель на сумму 500 рублей.

Отъ сего..тысяча восемь-сотъ девяносто.................... года черезъ.................... мѣсяц..............по сему моему векселю повиненъ я заплатить въ гор.......................................мѣщанину ....или кому онъ прикажетъ ....рублей, которые отъ него наличными деньгами (товаромъ) сполна получилъ

Мѣщанинъ..

Образецъ безсрочнаго векселя.

Гродно 1-го мая 1898 года.

Вексель на сумму 300 рублей.

По предъявленіи сего моего векселя повиненъ я заплатить Бѣлостокскому мѣщанину Хацкелю Любовичу или кому онъ прикажетъ триста рублей, которые я сполна получилъ отъ него наличными деньгами (товаромъ) въ чемъ подписуюсь собственноручно.

Виленскій мѣщанинъ Лейбъ Бройнъ.

Образецъ нѣмецкаго срочнаго векселя.

Wilna den 25 April 1898.

für 5000 R.

Fünf Monat nach dato zahle ich gegen diesen Solo Wechsel an die Ordre des Herrn Rubin Waldenberg Fünf tausend Rubel, den Werth in Baar (Waaren) erhalten. Dawid Goldenberg.

Образецъ росписки въ полученіи квартирныхъ денегъ отъ жильца.

От Г-на Самуила Гартбейма

получено мною семьдесятъ пять рублей с. за наемъ квартиры въ домѣ моемъ, считая отъ 1-го Іюня 1898 года за четверть года впередъ, въ чемъ и подписуюсь собственноручно.

Давидъ Гольдманъ.

Харьковъ, 1898 года 5-го Іюня.

רוּסִישֶׁע אַזְבּוּקֶע גֶעדְרוּקְטֶע גְרוֹים הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד׃

אִי זֶע זְשֶׁע עֶ דֶע גֶע בֶע בֶּע אַ

Аа, Бб, Вв, Гг, Дд, Ее, Жж, Зз, Ии,

עֶר פֶּע אָ עֶן עֶם עֶל קַא יִי

Іі, Кк, Лл, Мм, Нн, Оо, Пп, Рр,

שַׁא טְשֶׁע צֶע חַא עֶף אוּ טֶע עֶס

Сс, Тт, Уу, Фф, Хх, Цц, Чч, Шш,

יוּ עֶ יַאט יֶער יֶערִי יָאר שְׁטְשַׁא

Щщ, Ъъ, Ыы, Ьь, Ѣѣ, Ээ, Юю,

אִי קְרַאטְקָאֶע אִיזִיצַא פִּיטַא יַא

Яя, Ѳѳ, Ѵѵ, Йй.

רוססישע אַזבוקע געדרוקטע גרויס האַנד מיט קליין האַנד געשריעבען :

אַ	בֶּע	בֶע	גֶע	דֶע	עֶ	זְשֶׁע
Аа	*Бб*	*Вв*	*Гг*	*Дд*	*Ее*	*Жж*
זֶע	אִי	יִי	קַא	עֶל	עֶם	עֶן
Зз	*Ии*	*Іі*	*Кк*	*Лл*	*Мм*	*Нн*
אָ	פֶּע	עֶר	עֶס	טֶע	אוּ	עֶף
Оо	*Пп*	*Рр*	*Сс*	*Тт*	*Уу*	*Фф*
חַא	צֶע	טְשֶׁע	שַׁא	שְׁטְשַׁא	יָאר	
Хх	*Цц*	*Чч*	*Шш*	*Щщ*	*Ъъ*	
יֶערִי	יֶער	יַאט	עֶ	יוּ	יַא	
Ыы	*Ьь*	*Ѣѣ*	*Ээ*	*Юю*	*Яя*	
פִיטַא	אִיזִיצַא	אִי קְרַאטְקָאֶע				
Ѳѳ	*Ѵѵ*	*Йй.*				

Russiskaia Azbuca

M. A. Halperin

דיא פְּרַאנְצױזִישֶׁע אַזְבוּקֶע גְרױס הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד גֶעדְרוּקְט :

אַ	בֶּע	סֶע	דֶע	עֶ	עֶף	זְשֶׁע	אַשׁ
Aa,	Bb,	Cc,	Dd,	Ee,	Ff,	Gg,	Hh,
אִי	זְשִׁי	קַא	עֶל	עֶם	עֶן	אָ	פֶּע
Ii,	Jj,	Kk,	Ll,	Mm,	Nn,	Oo,	Pp,
קִיו	עֶר	עֶס	טֶע	יוּ	וֶע	דוּבְּלִי-וֶוע	
Qq,	Rr,	Ss,	Tt,	Uu,	Vv,	Ww,	
אִיקְס	אִיגְרֶעק	זֶעד					
Xx,	Yy,	Zz.					

דיא פְּרַאנְצױזִישֶׁע אַזְבוּקֶע גְרױס הַאנְד מִיט קְלֵיין הַאנְד גֶעשְׁרִיבֶּען :

אַ	בֶּע	סֶע	דֶע	עֶ	עֶף	זְשֶׁע
Aa	*Bb*	*Cc*	*Dd*	*Ee*	*Ff*	*Gg*
אַשׁ	אִי	זְשִׁי	קַא	עֶל	עֶם	
Hh	*Ii*	*Jj*	*Kk*	*Ll*	*Mm*	
עֶן	אָ	פֶּע	קִיו	עֶר	עֶס	טֶע
Nn	*Oo*	*Pp*	*Qq*	*Rr*	*Ss*	*Tt*
יוּ	וֶע	דוּבְּלִי-וֶוע	אִיקְס	אִיגְרֶעק	זֶעד	
Uu	*Vv*	*Ww*	*Xx*	*Yy*	*Zz.*	

דיא דייטשע אותיות גרויס האנד מיט קליין האנד געדרוקטע :

א	בע	צע	דע	ע	עף
𝔄𝔞,	𝔅𝔟,	ℭ𝔠	𝔇𝔡,	𝔈𝔢,	𝔉𝔣,
געה	הא	אי	יאט	קא	על
𝔊𝔤,	ℌ𝔥,	ℑ𝔦,	𝔍𝔧,	𝔎𝔨,	𝔏𝔩,
עם	ען	א	פע	קו	
𝔐𝔪,	𝔑𝔫,	𝔒𝔬,	𝔓𝔭,	𝔔𝔮,	
ער	עס	טע	או	פאו	
ℜ𝔯,	𝔖𝔰𝔰,	𝔗𝔱,	𝔘𝔲,	𝔙𝔳,	
ווע	איקס	איפסילאן	צעט		
𝔚𝔴,	𝔛𝔵,	𝔜𝔶,	ℨ𝔷.		
ח	ש	שט	ס	צק	
𝔠𝔥,	𝔰𝔠𝔥,	𝔰𝔱;	𝔰,	𝔠𝔨.	

דיא דייטשע אַזבוקע קליין האַנד מיט גרויס האַנד געשריעבען :



דיא ענגלישע אַזבּוּקע גרויס האַנד מיט קליין האַנד געדרוּקט:

עה	בּיא	סיא	דיא	איה	עף	דזשיא	עהטש
Aa,	Bb,	Cc,	Dd,	Ee,	Ff,	Gg,	Hh,
אֵיי	דזשעי	קעה	על	עם	ען	אָ	
Ii,	Jj,	Kk,	Ll,	Mm,	Nn,	Oo,	
פּיא	קיוּא	ער	עס	טיא	יוּא	וויא	
Pp,	Qq	Rr,	Ss,	Tt,	Uu,	Vv,	
דעבּל-יוּא	עקס	אוּאַיי	זעד				
Ww,	Xx,	Yy,	Zz.				

דיא ענגלישע אַזבּוּקע גרויס האַנד מיט קליין האַנד געשריבּען:

עה	בּיא	סיא	דיא	איה	עף	
Aa	*Bb*	*Cc*	*Dd*	*Ee*	*Ff*	
דזשיא	עהטש	אַי	דזשעי	קעה	על	
Gg	*Hh*	*Ii*	*Jj*	*Kk*	*Ll*	
עם	ען	אָ	פּיא	קיוּא	ער	עס
Mm	*Nn*	*Oo*	*Pp*	*Qq*	*Rr*	*Ss*
טיא	יוּא	וויא	דעבּל-יוּא	עקס	אוּאַיי	זעד
Tt	*Uu*	*Vv*	*Ww*	*Xx*	*Yy*	*Zz.*